STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05429

DER ONHEYB

Joshua Urbas

*Permanent preservation of this book was made possible
by Charles & Marjorie Nam
in memory of
Samuel & Yetta Nam*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע אורבאס

דער אָנהייב

דערציילונגען

אילוסטראַציעס: דזשאָרדזש פאָרגי

אַרויסגעגעבן פון י. אורבאַס
בוך - קאָמיטעט דורך דעם
איקוף פאַרלאַג
טאָראָנטאָ • ניו יאָרק

JOSHUA URBAS

DER ONHEIB

(THE BEGINNING)

SHORT STORIES

•

Illustrations: George Forgie

•

Copyright 1970 by Joshua Urbas, Toronto, Ontario, Canada.

•

Published by J. Urbas Book-Committee through
Yiddisher Kultur Farband (YKUF)

•

PRINTED IN CANADA BY EVEREADY PRINTERS LIMITED
72 TECUMSETH ST., TORONTO



י. אורבאַם — סקולפּטור - פּאָרטרעט פון ש. ל. קאַגאַן

צום אָנדענק פון מיין פאָטער
יצחק־דניאל
אומגעבראַכט דורך אַ כוליגאַן ווען איך
בין נאָך געווען אַ קינד.

נעהיליקט דעם זכרון פון—
מיין מאַמע פעסל־שיינדל
מיינע זעקס ברידער
צוויי שוועסטערלעך—
פאַרשניטן דורך די נאַצי־באַרבאַרן.

וועגן בוך און דעם מחבר

פון ב. צ. שעק
פראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט פון טאָראָנטאָ

דער גרויסער אמעריקאַנער פּאָעט, וואָלט וויטמאַן, האָט געזאָגט וועגן איינס פון זיינע ווערק: „דער וואָס רירט זיך־צו צו דעם בוך, באַרירט אַ מענטשן". דאָס קאָן מען זאָגן איז אמת וועגן יעדער קרעאַטיווער באַמיאונג פון ווערטן, דאָך איז עס כסדר נישט גילטיק אויף דעם זעלבן אופן. באַ געוויסע שרייבער כאַוועט זיך אוים זייערע ווערק דורך זייערע טרוימען און פאַנטאַזיעס, און די רעאַלע, טאָג־טעגלעכע דרויסנדיקע וועלט ווערט דורך זיי זעלטן באַרירט. דאָס איז נישט חל אויף יהושע אורבאַס. זיין אייגן לעבן איז געווען אָנגעפילט מיט מהומה'דיקע געשעענישן וועלכע, הגם זיי קאָנען צומאָל אויסזען פאַנטאַסטיש אָדער קאָשמאַרנדיק, זיינען זיי דאָך רעאַל און האָבן אַן אָביעקטיווע עקזיסטענץ. און עס איז פון אָט־דעם רייכן מיט פּאַטאָס־באַלאָדענעם קוואַל פון וועלכן ער נערט זיינע דערציילונגען. ווי ער האָט זיך אויסגע־דריקט צו מיר: שרייבן איז באַ אים אַ אינערלעכער דראַנג, אַן אופן פון באַנעמען און אַסימילירן די דערפאַ־רונגען פון אַ לעבנסגאַנג פון ליידן, און אַמאָל אויך — פרייד.

★ ★ ★

יהושע אורבאַס איז געבוירן אין אָסטראָווצע, פוילן, אין יאָר 1919, אין אַן אָרעמער אַרבעטער און פאָלקס־טימלעכער משפחה. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, קוים זיבן יאָר אַלט, האָט ער שוין דורכגעמאַכט אַ שוידערלעכע איבערלעבונג — דעם מאָרד פון זיין פאָטער דורך אַן אַנטיסעמיט־כוליגאַן. דאָס אַזוי אויך שווער לעבן, איז געוואָרן נאָך שווערער. דעם מחבר'ס מוטער האָט זיך אין גרויס מאַטערניש באַמיט צו געפינען מיטלען אויסצוהאַלטן די משפחה פון צען קינדער. יהושע גופא, איז געווען געצוואונגען אויפצוגעבן זיין לערנען זיך און אָנגעהויבן טאָן שווערע אַרבעט ווען ער איז בלויז צען יאָר אַלט געווען. צו עלף יאָר איז ער געוואָרן אַ לערן־אינגל בא שניידעריי.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און יהושע אורבאַס אַנטלויפט מזרח־צו, ראַטעווענדיק זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָרט האָט ער פאַרבראַכט אַ צאָל יאָרן, אַרבעטנדיק אויף אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט (קאָלווירט) אין דער קירגיזסטאַנער רעפובליק. ווען די האַרמאַטן זיינען פאַרשטומט געוואָרן, האָט ער אויסגעפונען, אַז פון זיין גאַנץ־גרויסער משפחה איז געבליבן לעבן נאָר איין־איינציקער גליד — זיין ברודער אהרן, וועלכער וואוינט איצט אין ישראל. אַלע אַנדערע, ווי מיליאָנען אידן און ניט־אידן, זיינען אומגעקומען דורך די הענט פון די נאַצים.

נאָך דער מלחמה דערלאַנגט זיך יהושע אורבאַס קיין פראַנקרייך וואו ער באַשעפטיקט זיך ווידער אינעם שניידער־פאַך. אין יאָר 1948, איז ער אַ וואָלונטיר אין דער מלחמה פאַר ישראל'ס אומאָפהענגיקייט. ער פאַרהאַלט זיך פיר יאָר צייט אין מדינת־ישראל, איידער ער קלייבט זיך איבער קיין קאַנאַדע, וואו ער האָט קרובים.

אין טאָראָנטאָ, אַרבעט יהושע אורבאַס צוערשט אין שניידער־פאַבריקן, און שפּעטער באַשעפטיקט ער זיך אין זיין אייגענער קליינער שניידעריי. אין די אָוונטן לייענט

ער אַ סך און הויבט אָן צונויפנעמען אין געדאַנק און אויסלייגן אויף פּאַפּיר די געשיכטעס מיט וועלכע זיין קאָפּ איז פול. זיין טרוים איז געווען און בלייבט עד היום — צו זיין אין אַ לאַגע פון אָוועקגעבן די גאַנצע צייט פאַר שרייבן.

★ ★ ★

אין כמעט יעטווידער דערציילונג פון יהושע אורבאַס פילט זיך זייער שטאַרק די צווייטע וועלט־מלחמה. אַנדערש וואָלט עס ניט געקאָנט זיין, ווייל אָט־די קאַטאַס־טראָפאַלע געשעעניש האָט געלייגט אַ חותם אויף זיין גאַנץ לעבן, ווי עס איז דער פאַל מיט יעטווידן איינעם, וואָס איז געבליבן לעבן נאָך אַזאַ שוידערלעכן חורבן. עס איז אַ וואונד, וועלכע ער פילט כסדר און וואָס לאָזט אים ניט צורו סיידן ער שאַלט אויס זיינע פּיינען אויף געשריבענע זייטן פּאַפּיר.

די דערציילונגען אין דעם בוך זיינען אין דער מיליע פון זעקס באַזונדערע לענדער — פּוילן, סאָוועטן־פאַר־באַנד, ישראל, דייטשלאַנד, מעקסיקאָ און קאַנאַדע. און דאָך פילט זיך כּמעט אין יעטווידער פון זיי אָן עכאָ, אַ ווידער־קול פון דעם גרויסן חורבן. מערקווירדיק, עטלעכע פון די דערציילונגען אין דער ראַם און מיליע פון קאַנאַדע, זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער דאָמיני־רענדיקער טעמע—די מלחמה. די רעשטן פון די דייטשע הענקער און זייערע אַרויסהעלפער פון אַנדערע נאַציאָ־נאַליטעטן, וועלכע האָבן זיך דערלאַנגט קיין קאַנאַדע און לעבן דאָ אומבאַרירט פון קיינעם, הערן ניט אויף צו פאַרפאָלגן און פּלאָגן דעם שרייבער. ווי דער העלד דר. קאַרל אַבראַמאָוו זאָגט אין דער דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען: „עס איז פּונקט ווי די מלחמה וואָלט זיך נישט פאַרענדיקט" . . . אַזוי, אַז יהושע אורבאַס'עס דערציי־לונגען פון דער מלחמה און אירע נאָכווייענישן שאַלן־אויס ווי אַ פייערלעכע וואָרענונג: „קיינמאָל נישט מוחל זיין, קיינמאָל נישט פאַרגעסן!".

א צווייטע, כסדר'דיקע טעמע אין י. אורבאַס'עס שאַפונגען איז דער אַרבעטער, צי עס איז אַ סטאָליאַר, אַ וואַסער־טרעגער, אַ צושניידער אָדער שניידער, קעמפּנ־דיק טאָג־איין טאָג־אויס פאַר ברויט און יאָ — פאַר רויזן, אויך. אין עטלעכע דערציילונגען פרעגט דער מחבר די פראַגע: „וואָס איז גליק?" און ער גיט זיין אייגענעם ענטפער אויף זיין אייגענעם אופן. עס זיינען די פשוט'ע, אָרנטלעכע פאָלקס־מענטשן צו וועמען דער שרייבער באַ־זיצט באַזונדערע נאָענטקייט און סימפּאַטיע, און פאַר די יעניקע באַ וועמען רייכטום איז גאָט, האָט ער נאָר פאַראַכטונג. אין עטלעכע דערציילונגען איז דער העלד אַ קינסטלער, אַ שעפערישער מענטש, און ער אויך, מוז מאַכן אַן אויסוואַל צווישן מאַרק און נשמה — צווישן קאָמערציאָנעלן דערפאָלג און גייסטיקע ווערטן.

עטלעכע פון יהושע אורבאַס'עס דערציילונגען פאַר־מאָגן רירנדיקע דראַמע, ווי למשל, „דר. קאַרל אבראַמאָוו" און „דער ריינער אַריער". און אַ קוואַליטעט, וואָס איז נאָך מער באַווירקנדיק איז — איראָניע, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דורך די מערסטע פון זיי און גיט זיי צו אַ שאַרף־שניידנדיקן טאָן. דער סטיל, ווי דער מחבר גופא, איז פשוט, דירעקט און וועלכן נישט איז אַנשטעל, אָפט וואַרעם.

★ ★ ★

יהושע אורבאַס האָט אַ נאָמען־געגעבן זיין ערשטע געדרוקטע זאַמלונג פון דערציילונגען — דער אָנהייב. וואָס שייך מיך האָט דער טיטל פון בוך עטלעכע מיינען. עס איז, פאַרשטייט זיך, דער נאָמען וואָס דער מחבר האָט געגעבן דער ערשטער דערציילונג אין בוך, וואָס טויכט־אויף דעם אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז אויך אַן אָנדייט פון דעם אָנהויב פון אַן ערנסטער ליטעראַרישער באַמיאונג, אַ וויכטיקער ערשטער שריט. און מעגלעך, אַז עס איז אויך דאָ פאַראַן אַן אָנדייט פונעם באַגריף, דורך די דערציילונגען, אַז מענטש האָט קוים

געמאַכט אַן אָנהויב אין דער ריזידיקער באַמיאונג, וואָס איז נויטיק אָפּצושטעלן מלחמה, ראַסיזם און אונטערדריקונג.

דער אָנהייב רעפּלעקטירט אַ פּראָצעס פון קאַמף, אַ קאַמף צו לעבן און צו שאַפן, אַ פיזישער און עמאָציאָנעלער קאַמף, ווי אויך אַ קינסטלערישער, וועלכן מען דאַרף ממשיך זיין. לאָמיר האָפן, אַז אָט־דאָס בוך וועט באמת אָפּצייכענען דעם אָנהויב פון אַ כסדר'דיקער באַמיאונג פון יהושע אורבאַס צו געבן פון זיך אפילו אַ נאָך מער רייכערע אויסדרוק־פאָרמע צו די געשיכטעס, וועלכע ער פילט ער מוז דערציילן.



דער אָנהייב

די נייעס, אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך צעטראָגן מיט שרעק צווישן דער באַפעלקערונג אין אָסטראָווצע. דאָס לעבן איז גלייך געוואָרן פּאַראַליזירט. מענטשן, נישט וויסנדיק פאַרוואָס, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין גרופּעס.

אין דער שטאָט איז געוואָרן אַ געלויף. עלטערן זיינען געלאָפן צו קינדער, קינדער — צו עלטערן. מענטשן זיינען אויך געלאָפן אין די געשעפטן, איינקויפן זיך שפייז - פּראָדוקטן, אוים מורא פאַר די הונגער . . .

אויף די גאַסן האָט מען אָנגעהויבן גראָבן שוץ-גראָבנס זיך צו באַהאַלטן אין דער צייט פון באָמבאַרדירונג.

אין משך פון עטלעכע שעה איז דאָס לעבן, דאָס פריער נאָרמאַלע, געוואָרן פאַרוואוּנדעט, אַן אינוואַליד.

באַלד איז אויך דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע מאָביליזאַציע.

קוריערס האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן צווישן די איינוואוינער, פאַרטיילט פּאָוויעסטקעס. דאָס זיינען געווען די ערשטע פּאָוויעסטקעס.

מחמת עס איז ניט געווען קיין צייט דאָס צו טאָן דורך דער פּאָסט, האָבן עס געטאָן ספּעציעלע קוריערס.

אַ פּאָוויעסטקע, דורך אַ קוריער, איז אויך אָנגעקומען אין שטוב צו דער משפחה פאַלקמאַן. דאָס איז געווען פאַר יונתן, דעם פינף-און-צוואַנציק יאָריקן.

אין דער שטוב איז קיינער נישט געווען, אחוץ די קליינע קינדער: די מאַמע און אזרא, דער זעכצן-יאָריקער, וועלכער האָט שוין געהאָלפן דער משפחה אין דער פרנסה, זיינען געווען אויף אַרבעט.

יונתן איז פּונקט אָנגעקומען עסן מיטאָג. עס איז געווען צוועלף אַזייגער, די שעה פון איבעררייס. ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון די אַקסל די יאַרמע מיט די עמער, גענומען לייענען די פּאָוויעסטקע.

— יאָ, דאָס רופט מען מיך! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. און דאָס פּנים זיינס, דאָס פאַרברוינטע, מיט דער ברייטער נאָז, האָט אַ ציטער געטאָן, פאַרלוירן אויף אַ רגע זיין נאַטירלעכע רויטע פאַרב. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט . . .

צום סוף האָט ער גענומען עסן מיטאָג, צעשניטן אַ פּאַרציע ברויט, אַ קלענערע ווי אַלעמאָל, פאַרטרונקען מיט באָרשט.

נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן פּאַקן זיין רענצל, דאָס זעלבע רענצל מיט וועלכן ער האָט זיך מיט צוויי יאָר צו-

ריק אומגעקערט פון רעגולערער מיליטער־דינסט.

ער האָט אַריינעליינגט אין רענצל אַ פאָטאָגראַפיע — די פאָטאָ־גראַפיע פון מלכה, זיין כלה, עטלעכע קאָנווערטן, פאַפּיר און — אַ ראַזיר־מעסער. ער האָט אויך געוואָלט מיט זיך האָבן אַ פאָטאָ־גראַפיע פון זיין מאַמע. אַ שאָד, די מאַמע האָט זיך קיינמאָל נישט פאָטאָגראַפירט. מחמת פרומקייט האָט זי עס ניט געטאָן.

בעתן פּאַקן איז אָנגעקומען צו לויפן אזרא, דער זעכצן־יאָריקער. ער איז געווען דערשראָקן. דאָס פּאַקן האָט אים נאָך מער צעדרו־דערט . . . דאָס מאָביליזירט מען זיין ברודער, זיין יונתן.

אין אַ משפחה אַזאַ, וואו עס איז נישטאָ קיין פאָטער, טרעפט, אַז צווישן די קינדער וואַקסט טאַקע אויס אַ גאָר באַזונדערע באַציאונג, אַ ספּעציעלע נאָענטקייט פון איינעם צום אַנדערן און צו דער היים גופא.

נאָכן פּאַקן האָט אזרא אַ זאָג געטאָן:

— קום, איך וועל דיך באַגלייטן צום צוג, יונתן . . . . — און געזאָגט האָט ער עס מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך אַ קייקל געטאָן אין דער שטוב ווי אַ צעבראָכענע כלי.

דאָך זיינען זיי נאָך נישט געגאַנגען: מען האָט געוואַרט אויף דער מאַמע.

לאַנג וואַרטן, אָבער, האָבן זיי נישט געקאָנט . . . די פּאַוויעסטקע רופט דעם מאָביליזירטן זיך צוצושטעלן פּונקט צוויי אַזייגער אויפן וואָקזאַל.

זוכן זי האָבן די קינדער נישט געוואוסט וואו. זי, די מאַמע, האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען אויף איין אָרט, מחמת איר אַרבעט איז געווען אַזאַ, אַ פאַרשיידענע, צווישן מענטשן . . .

אזרא איז אַרומגעלאָפן צווישן די שכנים. אומזיסט.

★ ★ ★

צום סוף האָט יונתן אַריינגענומען די קינדער אין זיינע אָרעמס, זיך געזעגנט מיט זיינע שוועסטערלעך — יוכבדן, רייזלען, מיט זיינע ברידערלעך—ירחמיאלן, חיימקען, פּנחסן—זיי צוגעדריקט צו זיך . . .

און גענומען אויף זיך דאָס רענצל.

דער וועג צום וואָקזאַל איז נישט געווען קיין לאַנגער. אָסטראָווצע, קאָן מען זאָגן, איז נישט קיין גרויסע שטאָט.

זי איז ווי איינגעטיילט אין צוויען: איין טייל שטאָט איז דער מאַרק, מיט דער אַרומיקער ידישער געגנט. דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן ערשט אונטערן באַרג, די לאַנגע, ברייטע אַליע, וואָס פירט צו קריסטלעכע קוואַרטאַלן, צום פּאַרק, צו דער פאַבריק, אויך צו דער באַן-סטאַנציע. אַ וועג — אַן ערך צוויי קילאָמעטער.

נאָר דער וועג האָט ביידע ברידער אויסגעקוקט לאַנג היינט. אַ וועג, אַ פיינלעכער . . . ווייל קיינער האָט נישט געוואוסט וואוהין ער וועט דאָס איצט פירן.

אויפן וועג האָבן די ברידער געשוויגן.

ביידע האָבן געטראַכט דאָס אייגענע . . .

ער, יונתן, דער מאָביליזירטער, האָט געטראַכט פון דער מאַמען מיט די קינדער, וועמען ער לאָזט איצט איבער אויף הפקר, אויסגע־שטעלט אויף הונגער. ווי לאַנג ער געדענקט זיך, יונתן, זעט ער זיך אַלץ אין דער שטוב, אַרויסהעלפן דער משפּחה. באַלד נאָך דעם ווי די משפּחה איז געבליבן אָן אַ פאָטער (ער איז אומגעקומען מיט אַ ניט־נאַטירלעכן טויט) איז אויף אים, יונתן, דער עלטסטער אין שטוב, דעמאָלט אַ זיבעצן-יאָריקער, אַרויפגעפאַלן דער גאַנצער עול פון שפּייזן די משפּחה . . . אין שטוב איז געווען דאָס קליינוואַרג, מיט דער אומבאַהאָלפענער מאַמע, וואָס האָט אין איר אַלמנהשאַפט נישט געוואוסט, וואו זיך צו ווענדן אין לעבן, ווי אַזוי צו עקזיסטירן. צוליב דעם האָט ער, יונתן, זיך נישט אויסגעלערנט קיין פאַך, נישט באַוויזן עס צו טאָן. באַלד האָט ער געמוזט אָנהויבן אַזאַ אַרבעט, פון וועלכער ער וועט תיכף אָנהויבן פאַרדינען . . . געוואָרן איז ער אַ וואַסער־טרעגער, זיך געקויפט אַ יאָרמע, אָנגעהאַנגען אויף איר צוויי עמער, גרויסע עמער. אָנהויב האָבן די וואַסער-טרעגער, אמת, אים נישט ליב געהאַט, מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ . . . שפּעטער האָבן זיי געזען אין אים אַ גוטן פריינט: ער האָט געהעכערט דעם פּרייז,

אנשטאָט פינף גראָשן — זיבן גראָשן פאַר צוויי עמער. דאָס וואַסער-טראָגן האָט אָנהויב אים געאַרט, שפּעטער האָט ער זיך צו דעם צוגע-וואוינט . . . ער האָט זיך געפילט אין דער פּראָפעסיע, ווי ס'רוב שוואַרצע אַרבעטער ביים אויספילן אַ פונקציע כדי צו פאַרדינען, כדי עקזיסטירן. אין אָוונט, ווען ער איז אַהיימגעקומען נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָט ער דאָס פאַרדינטע געלט אָוועקגעגעבן דער מאַמען, וועלכע האָט זיך אויך אין דער זעלבער צייט אומגעקערט אין שטוב אַ מידע. ביידע — זי און יונתן — האָבן פאַרלאָזט אין פריען פרימאָרגן: ער — מיט דער יאַרמע און עמער, זי — מיט אַ קאַן אין האַנט. ער מיט דער יאַרמע און עמער געטראָגן האָט וואַסער, וואָס ער האָט געצויגן פון ברונעם אויפן גאַס. זי — אין דער קאַן געטראָגן האָט מילך. אָנגעגאָסן די קאַן האָט זי אין דער „מילכעריי", שפּעטער צעטראָגן אין שטיבער. פון יעדן פאַרקויפטן ליטער־מילך איז איר געבליבן ריווח צוויי גראָשן. דאָס האָט געדויערט ביי איר ביז צען אַזייגער. דעמאָלט איז זי אַהיים געקומען, געמאַכט פאַר די קינדער עפּעס עסן, ווידער אָוועק, דאָס מאָל אויף אַן אַנדער אַרבעט — וואַשן וועש, אַמאָל בּאַ איין באַלעבאָס אין הויז, אַמאָל — ביי אַ צווייטן.

אַזוי איז דאָס לעבן געגאַנגען . . .

אזרא, דער קלענערער, גייענדיק איצט באַגלייטן זיין ברודער צום וואָקזאַל, האָט אויך געטראַכט פון דער היים: דערמאָנט האָט זיך אזרא פון דער צייט, ווען יונתן איז אָוועק אין מיליטער. געווען איז דאָס די שווערסטע צייט, ווי ער געדענקט . . . די מאַמע, מער פון אַלעמאָל, גערעדט האָט פון טאַטן . . . געוואָרן אָפּט פאַרלוירן אין געדאַנקען און געשוויגן . . . געמוזט האָט מען אויך אויפגעבן די וואוינונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צימער און אַ קיך, זיך אַריינ-געקליבן אין גאָר אַ קליין צימערל, וואו מען האָט נאָר געקענט אַריינשטעלן די בעטן, מער נישט, דער לאַנגער טיש דער פאַליטירטער איז שוין נישט אַריין, בשום אופן ניט, עס האָט נישט געהאָלפן זיין מעסטן . . . נו, האָבן די קינדער זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען גרייטן די לעקציעס אויפן קליינעם טישל . . .

טעג האָבן זיך געצויגן פּיגלעכע. נעכט — הונגעריקע. אַ סך מאָל האָט זיך אַזאַ אָוונט פאַרענדיקט מיט אַ געוויין פון די גאָר קליינע, חיימקע און יוכבד, וועלכע האָבן ניט פאַרשטאַנען, ניט גאָר געקאָנט פאַרשטיין, אַז מען מוז אַמאָל גיין שלאָפן אָן אָן אָוונט־ברויט. דערפאַר ווען יונתן איז צוריגעקומען, אַ דעמאָלט איז אַלץ באַלד געוואָרן אַנדערש, דאָס לעבן איז אַוועק אויפן אַלטן, פריערדיקן וועג. די מאַמע איז געוואָרן פריילעכער . . . אויך די קינדער. זי האָט אויך אָנגעהויבן קאָכן יעדן פרימאָרגן אַ זופּ. „אַ זופּ איז שפּאָרעוודיק”. ער, דער גרויסער ברודער, איז אַמאָל אַוועק מיט די קינדער אין אַ בוך־געשעפט, אַמאָל געבאָרגט דאָס פּאָר זיי „נויטיקע בוך” צווישן שכנים . . . די שטוב איז געוואָרן ריין, וואַרעם, ווי אַמאָל. מיט אים, יונתן, איז אין שטוב גוט געווען . . . איצט נעמט מען אים ווידער אַוועק. אויף ווי לאַנג?

— ווי לאַנג, דענקסטו, וועט דויערן די מלחמה?

יונתן האָט נישט געענטפערט.

אזרא, פילנדיק פון וואָס יונתן טראַכט, האָט אים געוואָלט טרייסטן, עפּעס זאָגן, נאָר די צונג האָט זיך באַ אים נישט געקאָנט באַוועגן.

דאָך, שוין נאָענט צום וואָקזאַל, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן:

— זאָרג זיך נישט יונתן. איך וועל זיך באַמיען אַכטונג געבן אויף זיי . . . איך וועל אָנהויבן אַרבעטן שווער, שווערער ווי פריער, כדי די קינדער און די מאַמע זאָלן נישט הונגערן . . .

יונתן האָט פאַררוכט אויף זיך דאָס רענצל, אָנגעקוקט זיין ברודער, באַטראַכט אזראן. און אויסגעוויזן האָט זיך אים, אַז ערשט איצט, דאָס ערשטע מאָל, דוכט זיך, דערזעט ער אים, זיין ברודערל, וואונדערט זיך אויף זיין קערפּער—אַזאַ דאַרער . . . אַזאַ קליינער . . .

יונתן האָט געהערט זיינע רייד, געזען ווי דאָס בלוט קומט אים אין פּנים.

ערשט אויפן וואָקזאַל, ווען אַריינגענומען אין זיינע שטאַרקע

הענט זיין ברודערל, אים צוגעדריקט צו זיך, האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס, אַז דו וועסט עס טאָן. דו ביסט שוין אַ מאַן, ניט אַ קינד. ביסט אַ קינד קיינמאָל נישט געווען, נישט געקאָנט זיך דערלויבן . . . דו וועסט אַכטונג געבן אויף דער היים . . . איך — פאַרנומען האָב דעם טאַטנס אָרט. דו — פון איצטער אָן מיין אָרט, און . . . ווען איך וועל צוריקקומען, וועסטו שוין, מסתמא, זיין אַזוי הויך ווי איך, און אויך אַ גוטער פאַרדינער.

זיי האָבן זיך געזעגנט.

און יונתן האָט זיך געלאָזט צום צוג.

ביים צוג זיינען שוין געשטאַנען אַ סך מענטשן, אַ גרויסער המון: אחוץ די מאָביליזירטע זיינען אויך געשטאַנען אַנדערע — טאַטעס, מאַמעס, מענער מיט פעקלעך אין די הענט, פרויען, יונגע און עלטערע.

פרויען זיינען געקומען צולויפן צום צוג מיט בלומען.

פרויען האָבן אָנגעהויבן וואַרפן די בלומען אויפן צוג.

פויערטעס און פויערים — מיט ברויט, האָבן באַגלייט זייערע זין מיט זייער גוטס . . .

לענגאויס דעם צוג זיינען געשטאַנען אָפיצערן. ביים טיר פון וואָקזאַל — אַן אָרקעסטער, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּילן מאַרשן.

עס איז געווען דער ערשטער צוג מיט מאָביליזירטע, גערופענע, אַלע אויסגעדינטע סאָלדאַטן — אַ צוג, וואָס האָט באַדאַרפט אָפּגיין פון אַסטראַווצע צו דער קעמפנדיקער אַרמיי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

מאַמעס האָבן געוויינט.

טיכלעך האָבן געפאָכעט.

— זאָלסט צוריקקומען. זאָלסט צוריקקומען! — שרייט אזרא אַרויף צו יונתן, בעת ער האָט זיך אומגעקערט מיט זיינע טריט צום וואַגאָן, זיך געהויבן אין וואַגאָן.

פלוצעם, אַט פאַרן אָפּגיין פון צוג, בעת יונתן איז שוין געשטאַנען אויפן לעצטן טרעפ, מיט דער רעכטער האַנט אָנגענומען דאָס הענטל

פון דער וואַגאָן-טיר, האָט זיך דערהערט דאָס יאָמערלעכע פּייפן פון דער אַליאַרם-סירענע, זיך אַריינגעשניטן אין דער לופטן מיט אַ געוואַי, וואָס האָט אַלעמען אויפגעציטערט. דער עולם, אַן אויפגעצאַפּלטער, האָט אָנגעהויבן לויפן. איבער זייערע קעפּ האָבן אָנגעהויבן פליען דייטשע עראָפּלאַנען, פאַרצויגן דעם נידעריקן הימל. דאָס רוישן פון דער סירענע און דאָס רוישן פון די עראָפּלאַנען האָט זיך אויסגעמישט. עס איז געוואָרן אַ בהלה. נאָכן ערשטן אויפרייס זיינען מענטשן אין ווילדקייט געלאָפן, געזוכט ערגעץ וואו אַ שוץ-אָרט, עס איז געוואָרן אַ געדראַנג, אַ שטופעריי, געפאַלן איינער איבערן צווייטן, זיך אָנגעשטויסן, געפאַלן, זיך אויפגעהויבן, ווידער געלאָפן.

און די בהלה איז געשטיגן, ווען וואָלקנס-רויך האָבן נאָכן ערשטן אויפרייס אַרומגענומען די פּלאַטפאָרמע.

נאָכן ערשטן אויפרייס האָט יונתן, נאָכדעם ווי ער איז מיט איין שפּרונג אַראָפּ פון צוג אויף דער שטיינערנער פּלאַטפאָרמע, אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע הענט זיין ברודערל אזרא און מיט אים אָנגעהויבן אַוועקלויפן פון צוג.

נאָכן צווייטן אויפרייס, האָבן זיי זיך צעשיידט, פאַרלוירן.

— יונתן, יונתן! — שרייט ער, אזרא.

שטופנדיק זיך אין געדראַנג, האָט ער לויפנדיק געזוכט זיין ברודער.

דאָס בראַזגעריי פון די וואַגאָנען האָט אים פאַרטויבט. ער האָט נישט געזען דאָס פאַלן, דאָס הילכיק קייקלען זיך פון די וואַגאָנען. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרטונקלט פון די שטיקער וואָלקנס-רויך, און שטויב, וואָס זיינען געקומען פון די באָמבעס.

— יונתן, יונתן! — רופט ער, אַן אַראָפּגעבויגענער, זיך פאַרשטעלנדיק מיט די הענט דעם קאָפּ.

יונתן הערט אָבער נישט.

יונתן ליגט שוין אויפן שטיין.

זיין קאָפּ, יונתנס, דער געדיכט-באַוואָקסענער מיט די לאַנגע שוואַרצע קודלעוואַטע האָר, ליגט מיטן פּנים אַרויף, דאָס מויל האַלב-

אַפּן: פונעם האַלב־אָפענעם מויל ריזלט איצט זיין בלוט. דאָס רענצל, דאָס מיליטערישע, וואָס איז געלעגן אויפן רוקן, צווישן די אַקסלען, האָט זיך מיט די לעדערנע שנירלעך, בעתן פאַלן, אַריינגעשניטן טיף אינעם פלייש פון זיין אָרעם. ער אָטעמט שווער, כאַרכלענדיק. לעבן אים ליגט אַ שטיק פון אַ צעשמעטערטן וואַגאָן.

ווען אזרא האָט אים דערזען, איז ער צו אים אַ פאַל געטאָן, אַראָפּגעפאַלן מיטן פּנים אויף זיין קערפּער: — יונתן! — מונטערט ער אים, טרייסלט אים, ווי מען טרייסלט אַ פאַרחלשטן, ווען מען וויל אויפוועקן . . .

יונתן ענטפערט נישט.

אזרא, אַ פאַרצווייפלטער, קלאַפּט זיך מיטן קאָפּ אויפן שטיין.

באַלד קומט ער צו זיך, פּרוּווט אים העלפן, זיין פאַרוואונדעטן ברודער, פּרוּווט לויזער מאַכן אויף אים דאָס רענצל, לויזער מאַכן די שנירלעך אַרום זיין אָרעם, און רופט, רופט אין דער בהלה אַריין פאַר הילף.

זיינע געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע מוראַדיקע געשרייען.

★ ★ ★

אָפּגעריסן דאָס ייִנגל פון דעם פאַרוואונדעטן האָט מען ערשט, ווען אויף דער צעשעדיקטער פּלאַטפאָרמע האָט זיך באַוויזן די „גיכע־הילף", אַן אויטאָבוס פון „רויטן קרייץ" איז אָנגעקומען און אָנגעהויבן פאַרנעמען די פאַרוואונדעטע.

דער אויטאָבוס, אַריינגענומען אין זיך די פאַרוואונדעטע, האָט אָנגעהויבן זיך רירן.

אזרא נאָך אים.

דער אויטאָבוס האָט אָנגעהויבן לויפן.

אזרא — נאָך אים.

דער אויטאָבוס איז פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן.

אזרא לויפט נאָך אַלץ אין דער זעלבער ריכטונג.

אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער, אַ שווער־אָטעמדיקער, מיט

בלוט אויף זיך, אויף זיינע קליידער — דאָס בלוט פון יונתן, איז דאָס יינגל אזרא אָנגעקומען אין שפּיטאָל־הויף.

די פאַרוואונדעטע, וואָס זיינען פריער געלעגן אין אויטאָבוס, ליגן שוין איצט אויפן דיל, אין קאָרידאָר, בעת מען מאַכט פאַר זיי אָרט אינווייניק, אין די שפּיטאָל־צימערן.

אזרא האָט זיך דורכגעריסן אַ וועג צווישן די אָנקומענדיקע מענטשן, אָנגעהויבן זוכן צווישן די פאַרוואונדעטע זיין ברודער.

— אָט דאָ ליגט ער!

זיין געשריי, דער פּלוצעמדיקער געשריי פון אַ יינגל, אַ דערשראָקן, ספּאַזמאַטיש געשריי, האָט צו זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מעד־פּערסאָנאַל.

דאָס מעד־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ פעלדשער, אַ דאָקטאָר.

די קראַנקן־שוועסטער, אַ יונג, פאַרזאָרגט מיידל, האָט דאָס יינגל אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר דיר.

זי האָט אים אַרויסגעפירט פון קאָרידאָר.

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן . . . ער, אזרא, האָט זיך נישט געקאָנט העלפן . . . וויפל מאָל אים אַרויסגעפירט, אַזוי פיל מאָל האָט זיך דאָס יינגל צוריק באַוויזן לעבן זיין פאַרוואונדעטן ברודער.

אַפילו צום סוף, ווען עס איז געלונגען דעם מעד־פּערסאָנאַל, מיט דער הילף פון אַ זשאַנדאַרם, צו באַפרייען דעם דרויסן שטח, דעם הויף, פון די פאַרצווייפלטע באַזוכער, לויזער געמאַכט דאָס אָרט צו דער טיר, איז אזרא אַליין געבליבן.

ער האָט נישט געקאָנט אַהיימגיין . . .

ער איז געבליבן שטיין אונטערן פענצטער פון די קראַנקע־געביידע, זיך איינגעהערט אין די קולות פון די פאַרוואונדעטע, מיט די אויגן צו דער טיר, פאַרהאַלטן בײַ יעדער געלעגנהייט, יעדן אַרויסגייער — די קראַנקן־שוועסטער, דעם פעלדשער, דעם דאָקטאָר — מיט דער זעלבער פראַגע וועגן אים, יונתן פאַלקמאַנס צושטאַנד . . .

— ער איז פֿאַרוואונדעט . . .

די קראַנקן־שוועסטער האָט אויף אים רחמנות געהאַט, בכיוון אַרויסגעקומען צו אים עטלעכע מאָל, אים אַרויסגעטראָגן די לעצטע נייעס וועגן זיין ברודער.

צום סוף איז זי אויך מיד געוואָרן:

— יינגל, גיי אַהיים. מיט דיין וויינען וועסטו דעם פֿאַרוואונדעטן נישט העלפֿן . . .

דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם ווייטיק אין אים.

★ ★ ★

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. אַ נאַכט אַ פֿינצטערע. די שעהן האָבן זיך געצויגן אומאויפהערלעך מיט שרעק, מיט האַרץ קלאַפּעניש.

צום סוף, אַליין אַ מידער, אין פּאַניק אַ געשפּאַנטער, און נישט קאָנענדיק אַהיימגיין, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן גראָז, געביסן די ערד מיט די ציין, שעפּטשענדיק, פֿליסטערנדיק אין דער טונקלקייט אַריין:

— גאָט, פֿאָטער פֿון יתומים, דיין פֿון אַלמנות (די ווערטער האָט ער אָפֿט געהערט פֿון דער מאַמען), — העלף, אַז יונתן זאָל לעבן, נישט שטאַרבן . . . אויב שטאַרבן, איז איך. ער איז בילכער . . .

★ ★ ★

אויפֿגעהערט וויינען האָט דאָס יינגל מיט איין מאָל, ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זיין ברודער איז טויט.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט. זיך געלאָזט לויפֿן, נישט וויסנדיק וואוהין. געלאָפֿן, געלאָפֿן, געלאָפֿן.

ערשט לעבן דער טיר פֿון שטוב, האָט ער זיך אָנגעהויבן פֿאַר־האַלטן, זיך אָפּגעשטעלט, זיך געפֿרעגט:

— ווי אַזוי זאָל איך עס זאָגן דער מאַמען?

ער האָט זיך די מאַמע זיינע פֿאָרגעשטעלט אַזאַ, ווי נאָך קיינמאָל נישט געזען: — אָט פֿאַלט זי. אָט חלשט זי. אָט ווייסט זי אַליין נים וואָס זי טוט . . . זי קריגט זיך מיט גאָט . . . זי ברעכט די הענט . . . און — וואָס נאָך וועט זי טאָן . . .

די מאמע איז אין שטוב נישט געווען.

אין שטוב זיינען די קינדער נאך געשלאפן, אחוץ רייזל, די עלף־יאריקע, וועלכע האט זיך אויפגעכאפט מיט זיין ארייַנקומען.

אזרא, ארייַנקומענדיק, האט גיך פון זיך אראפגעווארפן די קליידער, זיי פארשטעקט . . . און אנגעהויבן זוכן אנדערע זיך איבערצוטאן און דווקא גארנישט געקאנט געפינען אונטער דער האנט, אחוץ — אחוץ יונתנס א פאר הויזן.

ער האט אויף זיך די הויזן אנגעטאן . . .

די מאמע איז אנגעקומען.

די מאמע וויינט נישט . . .

אזרא דערנעענטערט זיך צו דער מאמען.

— מאמע . . .

— וואס?

— יונתן . . .

— איך ווייס שוין . . .

די מאמע זעצט זיך אראפ.

איר פנים ווערט פארצויגן מיט א גלעזערנער הויט . . .

די מאמע וויינט נישט.

זי קאן עס נישט טאן ווען דער בראך איז גרויס.



דער פרייִדיקער טאָג

דער גאַנצער הויף איז איינגעהילט אין אַ טיפֿער שטילקייט.
כאָטש מען הערט נישט קיין שום באַוועגונג, קיין ווינטל, אַפֿילו נישט קיין מינדסטן שאָרך פֿון אַ בלעטעלע, איז די שטילקייט נישט קיין געוויינלעכע; זי איז, פּונקט ווי די לופֿט, אָנגעפֿילט מיט אַן

אומרו, וואָס קומט פון צער און דריקט זיך אויס אין אַ שטימע, אַ העשענדיקע, אַ וויינענדיקע, אַמאָל פון אַן אַלטער מוטער, אַמאָל פון אַ יונגפרוי, צו ווען עס איז נאָר וואָס דערגאַנגען די שוואַרצע בשורה פון פראָנט!

דער פראָנט — די מלחמה שלינגט איין! . . . דער מענטש פאַרשווינדט! . . . עס בלייבט נאָר די פאַרגליווערונג פון אומרו, צער! . . .

איז נאָך נאַכט? די שעהן ציען זיך און ציען זיך אין אַט־דער פאַרגליווערטער שוואַרצער קלעפּיקייט אָן אַ שיעור, ווי עס וואָלט צו זיי קיין סוף גאָרנישט געקומען.

איך קוק — אַנשטאָט אויפן זייגער — אויפן הימל, כ׳וויל וויסן, מער־ווייניק, די צייט, וועלכע שעה עס איז. בייטאָג קאָן איך דאָס זיך משער זיין, לויט דער זון . . . אָבער איצט? . . . איצט לייכטן נאָך גאָר הויך די שטערן, אָבער זייער ווייט, זיי דערגרייכן נישט אַראָפּ צום הויף. איינער נאָך דעם אַנדערן בייטן זיי זייער אויסזען, ווערן בלייך און בלייכער, ווי די אויגן פון אַ קראַנקן, פאַרחלשטן, נאָך שלאָף לעכצנדיקן מענטשן. דאָך איז דער הימל, אַט־די הויכע, געהיימנישפולע, נאָך אַלץ נישט אַנטפּלעקטע אומענדלעכקייט געננוג לויטער: פאַרוואָס איז אַט דער הימל, דער אָריענטאַלישער הימל טאַקע אַפּטמאָל אַזוי דורכזיכטיק און לויטער? צוליב אַט־דער לויטערקייט, איז אפשר די ערד אַזוי האַרט, אויסגעטריקנט פון דער טראָפּישער היץ, פון דער שטענדיק־ברענענדיקער, גליענדיקער זון?

די היץ ווערט עטוואָס געלינדערט אַ דאַנק דעם שמאָלן שנירל וואַסער, וואָס פליסט אַדורך דעם הויף.

די איינוואוינער פון דעם הויף, מיינע שכנים, רופן עס, דאָס שמאָלע שנירל וואַסער, אויף זייער לשון: „אַריק“.

דער „אַריק“, דאָס שמאָלע שנירל וואַסער פליסט אין סאַמע מיטן פון הויף און איז די איינציקע באַוועגונג, אַ זאַנפטיק ריזלען, וואָס הערט זיך אָן אויפהער מיט אַ רעגלמעסיקן, שטענדיקן ריטעם. די דאָזיקע זאַנפטיקייט פּאַסט זיך טאַקע אַריין אין דער שטילקייט. עס איז דער איינציקער סימן פון לעבן אין דער נאַכט.

פלוצעם נעמט די שטילקייט פאַרשווינדן. צוערשט הערט זיך אַ הוסט. אַ הוסט צעקייקלט זיך איבערן גאַנצן הויף, רייסט איבער די פאַרגליווערונג. דאַן — אַ באַוועגונג, טריט, טריט שטילע, שאַרנדיקע.

טריט פון וועמען?

איך דריי זיך אום אויף מיין געלעגער מיטן קאָפּ אַהין, צו דער שכנהשער אָפענער וועראַנדע. כ׳פּרואוו דורכבליקן דעם חלל, אָבער ס׳איז שווער. די שוואַרצקייט פאַרשטעלט. כ׳הער נאָר בלויז די טריט — לאַנגזאַמע, קאַנטיק, כדי נישט צו מאַכן קיין שום רויש אַרום זיך, כדי קיינעם נישט אויפוועקן . . .

זיי דערהערן זיך שוין נעענטער, נאָך נעענטער, שטעלן זיך אָפּ. ס׳איז שטיל. אַ רגע. דאָס שמאָלע שנירל וואַסער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף:

„פליוך! פליוך"! . . .

ווייס איך שוין ווער עס איז. כ׳בין זיך משער, אַז דאָס האָט אַט־דאָס שטילע, זאַנפטיקע וואַסער פלוצעם אָנגעפילט די האַרטע כלי, דעם קרוג פון איר, — אַנאַכאַן. זי גיסט איבער דאָס וואַסער פון קרוג אין אַן עמער. און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע: „פליוך, פליוך"! דאָס חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל, דאַן מיטן וואַסער, וואָס איז איצט לויטערער ווי בײַטאָג, גייט אַנאַכאַן צוריק מיט אירע שטילע שאַרנדיקע טריט אַהין צו איר וועראַנדע, און בלײַבט דאָרט שטיין.

איך דערפיל אירע באַוועגונגען. זיי זיינען מיר ליב. זי קנעט איצט אוים אַ טייג, און אַט זוכט זי שוין האָלץ, שטיקלעך שפּענדלעך. נעמט צוזאַמען פונעם הויף די צווייגעלעך, „גוזע־פּייע", די בלעטער. באַלד וועט זי מיט זיי אונטערהייצן איר קירגיזישן, קיילעכדיקן אויוון, גע־בויט פון ליים פון אויבן־אויף איבעם הויף. באַלד וועט זי צעטיילן דאָס פאַרקנעטעטע טייג אין קליינע חלקים, פאַרוואַנדלען עס אין דינע, רונדיקע פּלעצלעך, קינסטלעכע, ווי מצות. אַט־דאָס ברויט, דאָס קירגיזישע, וועט זיך צעשמעקן איבערן גאַנצן אַרום פון אַנאַכאַנס הויף.

דער הויף איז אויך איצט מיינער.

דאָ, אין דעם קירגיזישן הויף, וואוין איך. דאָ האָב איך געהאַט מיין קוואַרטיר, נאָכדעם ווי איך, אַן אַנטלאָפֿענער ייִד פֿון דייטש, האָב זיך אַהער עוואַקואירט קיין קירגיזיע.

דער הויף, וואָס שטייט אין שכנהשאַפֿט מיט אַ סך אַזעלכע געוויינלעכע הייף, געפֿינט זיך אויף דער ערד פֿון „קיזיל-מעכנאַט", אַ קאָלווירט, וועמענס שטחים, גרויסע פֿעלדער זיינען איצט אין צייט פֿון אַקער.

דער הויף איז אַ היפּש-גרויסער, אַ פּירעקיקער, אַרומגענומען מיט אַ נידעריקן, הילצערנעם פּלויט, וועמענס אָפֿענע טיר פֿירט צו די זאַמדיקע, שמאָלע געסלעך און צו די פֿעלדער. אַחוץ אַט-דעם שמאָלן שנירל וואַסער, וואָס איז אי דער קוואַל פֿאַר די גרינע בייטן פֿון אַנאַכאַן און סאַדיקס הויז-גערטנדל און אויך דער איינציקער ברונעם, וואָס שטילט דעם דורשט פֿון מענטשן — אַחוץ אַט-דער „אַריק" איז דער הויף באַוואַקסן מיט ביימער, וועמענס אַבריקאָסן דערהאַלטן אַ סך מאָל, אין צייט פֿון הונגער, דאָס לעבן . . .

אין הויף געפֿינען זיך צוויי וואוינונגען: נידעריקע כאַטעס, קיביטקעס, געבויט פֿון ליים מיט פֿיר-קאַנטיקע דעכער.

אין דער וואוינונג רעכטס, וואָס באַשטייט פֿון איין קליין חדר מיט אַ וועראַנדע פֿון פֿאָרנט, וואוין איך. איך בין דאָ דער לאָקאַטאָר זינט 1941, שוין דריי יאָר, פֿאַרשטייט זיך, די איינזאַמסטע, שווערסטע יאָרן אין מיין לעבן . . . פֿאַר מיר, איידער איך האָב זיך דאָ אַריינגעצויגן, האָט אין דעם חדר געוואוינט סאַמעט, אַנאַכאַנס עלטסטער זון, דער בוכהאַלטער פֿון קאָלווירט, וואָס איז געוואָרן מאָביליזירט.

אין דער צווייטער, עטוואָס גרעסערער וואוינונג, וואָס באַשטייט פֿון צוויי חדרים און געפֿינט זיך אויף דער צווייטער זייט „אַריק", וואוינען די שכנים — אַנאַכאַן און סאַדיק סואַוואַנקולאָוו. מיט זיי האָט אויך געוואוינט זייער ייִנגסטער זון טשינגיז, אַ יונגער בחור, וואָס איז ערשט מיט דריי חדשים צוריק אויך צוגענומען געוואָרן צום מיליטער. איך האָב אים באַגלייט צום צוג. בעתן געזעגענען זיך, האָט ער אַרויסגענומען פֿון קעשענע זיין קירגיזישן מוזיק-אינסטרומענט,

אַ דין פליטל, ווי אַ פייפל, עס מיר געגעבן, אַז איך זאָל אים געדענ־קען . . . זינט דעמאָלט, זינט מען האָט מאָביליזירט איר צווייטן זון, איז די מוטער אומרואיק. נאָר אומרואיקער איז זי, ווען עס קומט אָן פון אים אַ בריוו פונעם פראָנט . . . און דאָס איז מסתמא די סיבה פאַרוואָס זי שטייט אויף אַזוי פרי אין באַגין. צו אירע מידע, צאַפּלדיקע פון זאָרג אויגן, קלעפּט זיך נישט דער שלאָף . . .

★ ★ ★

צוזאַמען מיט די ערשטע פונקען, וואָס פליען אַרויס פון דעם אויוון פאַרשווינדט די נאַכט, די שוואַרצע קלעפּיקייט. דער חלל נעמט זיך טוישן. עס קומט פאַר אין אים אַ קאַמף צווישן די לעצטע שוואַרצע פלעקן און דער ערשטער טאָגיקער גרויקייט — אַ גרויקייט אָן אַנגע־נעמענע, וועלכע מאַכט זעעוודיק.

זעעוודיק ווערן שוין איצט אַלע אָביעקטן פונעם הויף. עס אַנטפּלעקן זיך די שוואַרץ־גרויע קאָרע פון די אַבריקאָסן־ביימער, די צווייגן, וועמענס בלעטער — גרינע, ברוינע, גאָלדענע — עס באַ־שאָטענען די ערד אויף די ווערענדעס, וואו מיר שלאָפן מחמת דער היץ אין די פרילינג־און זומער־נעכט. די געבליעכצן, אַ געמעל פון פאַרבן, צעשיטן זיך און שווימען אויפן אויבערפלאַך פונעם „אַריק".

באַזונדער בולט ווערן איצט די שטאַלן, די קו, דאָס אייזל, די קאָמער, די עופות.

און עס ווערט מיטאַמאָל לעבעדיק. איין הויף רופט זיך שוין איבער מיטן צווייטן. צוערשט די הענער. זייער קרייען דערהערט זיך מיט קורצע איבעררייסן. דאַן די פייגל, אָן אַ שיעור, גאַנצע סטאַדעס, ווי מחנות אָרגאַניזירטע, פילן אוים דעם בוים, פליען, טאַנצן פון צווייג־צו־צווייג, פון בלאַט־צו־בלאַט, באַגלייט מיט געזאַנג פון אַ כאָר. אַ וואונדערלעך געזאַנג. איך בין זיי מקנא, די פייגל. זיי וויסן נישט, ווי די מענטשן, פון רשעות, נאָר זינגען . . . און אפשר זאָגן זיי אַזוי, אויף זייער פייגלשפּראַך, די ערשטע פרימאָרגן־תפילה . . .

אַט־דאָס דאָזיקע בילד, דאָס איבערגיין פון נאַכט אויף טאָג, וואָלט

געוועז גאַר־גאַר שיין און נאָענט צום האַרצן, אָבער נישט איצט, ווען דער צער האָט באַהערשט מיין וועזן, געעגבערט, ניט געלאָזט שלאָפן!

★ ★ ★

דער צער! . . . געקומען איז ער ערשט נעכטן אין אַ בריוו, אין אַ קורצער ידיעה . . . נאָך אַ לאַנג וואַרטן, האָפן . . . נאָך אַ לאַנג פיבערן . . .

שוין איבער פיר יאָר, זינט היטלער־דייטשלאַנד האָט פאַרכאַפּט פוילן. איך האָב דורך דער צייט געפיבערט פאַר מיין משפחה, וואָס איז פאַרבליבן אין דער שטאָט אָסטראָוועץ.

נאָך דעם ווי די שטאָט איז געוואָרן באַפרייט פון דייטש, האָב איך אַהין געשיקט אַ בריוו צום שטאָט־ראָט, זיך געפרעגט אויף זיי: מיין מאַמע, מיט די זיבן ברידער און צוויי שוועסטער.

דער ענטפער אויף אָט־דעם בריוו איז אַן אָפיציעלער, אַן אָפענער, אַ האַרטער:

„קיינער פון זיי האָט זיך נישט אומגעקערט. דער דייטש האָט זיי, צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה יידן, אַרויסגעשיקט פון שטאָט. אויסגעזידלט אין טויטן־לאַגער מיידאַנעק".

לייען איך אַלץ אָט־די ווערטער, וויל פאַרשטיין דאָס וואָרט „אויסגעזידלט", דאָס וואָרט „מיידאַנעק".

איך לייען אַלץ כסדר אויסנווייניק, שוין צום טויזנטסטן מאָל, די זעלבע ידיעה . . . כ׳וויל פאַרשטיין . . . פאַרשטיין דעם זין . . . כ׳וויל פאַרשטיין: ווער גיט דעם מענטשן דאָס רעכט צוצונעמען דאָס לעבן בא אַן אַנדער מענטשן? כ׳וויל פאַרשטיין . . . און קאָן נישט! . . .

כ׳קוק זיך צו צום חלל, כ׳קוק זיך צו, סתם אַזוי, צו די באַוועגונגען פון מיין שכנה, אַנאַכאַן, וואָס דערמאָנט מיר איצט, גראָד איצט, מיין מאַמע.

אויך מיין מאַמע האָט געהאַט אַ פנים פול מיט זאָרגן, מיט ציטער, מיט אַ תפילה אויף עפּעס בעסערס, שענערס . . . אַ תפילה צו גאָט! . . . ביידע פרויענס פנימער זיינען אַזוי ענלעך צווישן זיך . . .

אויך די טריט! . . די טריט פון מיין מאַמען זיינען אין דער שעה

פון באַגין געווען שטילע, שאַרנדיקע, פּאַרזיכטיקע, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין רויש, קיינעם נישט אויפוועקן . . .

די טריט אָבער פון מיין מאַמע, האָבן זיך נישט געהערט אין איר הויף, אין איר הויז. נאָר אין דער שעה פון באַגין איז זי אַרומגעגאַנגען פון טיר־צו־טיר, אויף פרעמדע שוועלן, צווישן לייטן, מיט אַ שווערער קאַן מילך. געטראָגן די מילך האָט זי, כדי דאָס ברויט וואָס די ערד גיט אַרוים פון זיך זאָל אויך זיין אויף איר טיש, כדי זי זאָל זיך דערהאַלטן באַם לעבן און ווייטער, ווייטער האָפן . . .

כ׳וויל פאַרשטיין דעם זין . . . דאָס וואָרט „אויסגעזידלט" . . .

מיינע גליענדיקע מחשבות ווערן פּלוצעם איבערגעריסן פון עפּעס אַ ניגון, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעגאָסן איבערן הויף.

כ׳הער זיך איין: דער ניגון, ווי אַ דינע סטרונע, גראָבט נאָך מער די טיפקייט פונעם האַרצן . . .

פאַרוואָס איז אָט־דער ניגון פון סאַדיק, אַנאַכאַנס מאַן, לעצטנס אַזאַ לירישער? — — —

מיט אַזאַ ניגון, געוויינלעך, שטעלט אָט־דער קירגיז זיך אוועק, אַנגעטאָן אין זיין לאַנגן קירגיזישן מלבוש, פאַרגאַרטלט זיין טאַליע, אָפּריכטן די פרימאָרגן תפילה.

ס׳הערט זיך לעצטנס אין זיין ניגון אַ טרויער . . . ס׳דערמאָנט די שטימע פון יענער פרוי, וואָס באַאומרואיקט . . .

דער ניגון זיינער, סאַדיקס, ווי אַ טייל פונעם לעבן איצט, גייט מיר נאָך טראָט־נאָך־טראָט, באַגלייט מיך אַרוים פונעם הויף, אויפן וועג צו די פעלדער צו דער אַרבעט.

★ ★ ★

צוויי טעג זיינען אַריבער.

איך שטיי איצט ווידער אויפן פעלד, טו מיין אַרבעט, כ׳הויב אויף און לאָז אַראָפּ דעם אייזערנעם, שאַרפן מכשיר. ס׳איז אַ שווער אייזן, אַ קעטמען, וואָס צעהאַקט די פאַרברוינטע, פאַרטרוקנטע שטיקער ערד. כ׳אַקער זי אויף. כ׳שטיי אין אַ ריי, וואו פון ביידע זייטן געפינט זיך איצט מער פרויען פון מענער . . . כ׳שעם זיך, אמת, אַ סך מאָל,

ווען איך קוק זיך אַרום . . . נישט בלויז פאַר זיי, די פרויען, ווענען מענער און זין זיינען איצט אויפן פראַנט, נאָר אויך פאַר די צוועלף־ און פערצן־יאָריקע קינדער, וועלכע פאַרטרעטן מיטן אַרבעטס־מכשיר זייערע פאָטערס . . .

איך שעם זיך, דאָך וויל איך נישט שטאַרבן . . .

פאַרוואָס איז דאָס לעבן אַזוי שטאַרק? מען וויל עס אַפילו ווען מען גייט אויף קברים . . .

און ווי איך רוק זיך אַזוי אין דער ריי פאָראויס, דערגייט צו מיר אַ רוף:

— יעווסעי!

איך הייב אויף דעם קאָפּ, כ'הויב אונטער מיין ברייטן הוט, וואָס באַשיצט די אויגן פון דער זון. אין דער ווייטער בלענדעניש דערזע איך קליאַשטשענקאָן.

קליאַשטשענקאָ איז דער פּאָסט־מאַן און דער בוכהאַלטער פונעם קאָלווירט. ער איז, ווי איך, אַן עוואַקואירטער, נאָר אַן אינוואַליד. געווען איז ער אַמאָל אַ סטודענט פון ליטעראַטור אין קיעווער אוני־ווערסיטעט. בעת דער מלחמה האָט ער דערגרייכט דעם ראַנג פון סערזשאַנט און . . . געבליבן מיט איין האַנט.

— יעווסעי!

איך לאָז זיך אַנטקעגן . . .

— האָסטו ווענען אין פּאַריז? — פרעגט ער.

די פראַגע „האָסטו ווענען" האָט אַ ברי געטאָן, ווי זאַלץ אויף אַ וואונד.

ניין — ענטפער איך — שוין קיינעם נישט . . .

— פּאָלוטשיל טעלעגראַמו איז פּאַריזשאַ, דליאַ וואַס, דומאַיו . . .

— כ'קוק אים אָן און חזר איבער זיינע ווערטער אין זיך אויף יידיש — פאַר מיר איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון פּאַריז.

און ער שטופּט מיר די טעלעגראַמע אין האַנט . . .

פאַר מיינע אויגן האָבן צוזאַמען מיט אותיות אָנגעהויבן פליען פונקען . . . טויזנטער לעבעדיקע שטראַמען האָבן מיטאַמאָל גענומען

פולסירן אין מיין בלוט. אין מיין מוח זיינען אויפגעשוואומען אן א שיעור געדאנקען . . . זיי האבן מיך באַרוישט, פאַרשיכורט . . .

כ׳ווייס נישט, צי כ׳האב אין מאָמענט עפּעס אויסגעשריגן, נאָר באַלד האָבן זיך גענומען זאַמלען אַרום מיר מענטשן, די גאַנצע ברי־גאַדע מייַנע האָט מיך אַרומגערינגלט און באַגריסט . . .

די ערד און דער הימל האָבן זיך אויסגעמישט און איך האָב אָנגעהויבן לויפן . . .

ווי אַזוי, מיין גאָט, די זעלבע האַרטע ערד איז געוואָרן ווייך . . . איך בין פאַרבייגעלאָפן פעלדער, בערג, שטיינער. אַלץ האָט זיך אין מיר אויסגעמישט און מיך באַגריסט, דוכט זיך, מיט מיין לעבן־געבלי־בענעם ברודער . . .

ווען כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט, זיינען די גרענעצן פון קאָלווירט „קיזיל־מעכנאַט" געלעגן ווייט הינטער מיר. דערזען האָב איך זיך אין אַ דערפל מיטן נאָמען „קאַשגאַר".

דער באַזאַר אַרום וואָקזאַל, די זיצנדיקע פרויען, באַדעקט זייערע פנימער מיט פאַראַנדזשעס, די זקנים קירגיזן מיט די ווייסע הויזן און טשיקמענער, מאַנטלען פאַרגאַרטלט מיט פאַרביקע טיכלעך, די קינדער אַהיימגייענדיק פון שול מיט ברוינע פנימלעך און געדיכט געקרייזלטע האָר, די יינגלעך מיט די שוואַרצע אויגן, די מיידלעך מיט די לאַנגע, דינינקע צעפּעלעך, ווי סטראָפן, שורות פון זינגענדיקע לידער — אַלץ, אַלץ האָט זיך אויסגעמישט ווי אַ טאַנצענדיק ראָד, מיר אַנטקעגנגע־קומען מיט פרייד.

פון דער שול־וואַנט, אָט־דאָ וואו עס זאַמלען זיך מענטשן, האָט זיך געהערט איצט דורכן ראַדיאָ־הילכער די נייעס פון מאָסקווע. די שטים, נישט זי האָט דערציילט אָט־די נייעס, נאָר אויסגעזונגען . . . אַז די רויטע אַרמיי גייט פאָראויס, שוין כמעט באַזיגט דייטשלאַנד, שוין בא די סאַמע טויערן פון בערלין . . . אין מיר האָבן זיך געמישט גלייכ־ציייטיק צוויי שטימען: די שטים מיט אָט־דער גוטער נייעס און די שטים אויך פון מיין ברודער . . .

דערפילט האָב איך זיך מיטאַמאָל ווי גאַרנישט אַ מענטש פון מיין

צייט, נאָר פון אַ מער גליקלעכער, אַ בעסערער . . . ; פון אַ צייט, אפשר וואָס געהערט צום מאָרגן . . .

איך האָב זיך געלאָזט אויף צוריק. שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג. פון קיין אַרבעט איז קיין רייד נישט געווען. דער טאָג איז געוואָרן מיינער אַ יום־טוב.

אומקערנדיק זיך צוריק אין הויף אַריין, האָב איך זיך גלייך געלאָזט צו דער טיר פון אַנאַכאַן און סאַדיק. כ'האָב זיי געוואָלט דער־ציילן מיין בשורה . . . זיי געוואָלט דערפרייען מיט מיין פרייד . . . די בשורה האָט אין מיר געקוואָלט און געזוכט אַן אויסברוך . . . די טיר איז נאָך אָבער געווען פאַרמאַכט. די זון, קאָנטיק, שטייט נאָך אין הימל געגנוג הויך און זיי געפינען זיך בײַ דער אַרבעט.

אָפּזונדערן זיך אַליין מיט דער איבערקוואַלנדיקער אין זיך בשורה, האָב איך נישט געקאָנט . . .

כ'האָב זיך גענומען אַרומדרייען אין הויף, הין־און־צוריק און צום סוף, זיך אַראָפּגעזעצט בײַם ברעג פון שנירל וואַסער. פאַר מיינע אויגן שווימט אַרויס דאָס געשטאַלט פון אים, ווען כ'האָב שוין פאַרלוירן און פלוצעם געפונען . . .

— אהרן? — רוף איך אויס.

— יאָ! . . .

— ווי אַזוי? . . . — פרעג איך אים.

— וואָס ווי אַזוי? . . .

— אויסגעמיטן די האַנט פון היטלערן?

ענטפערט ער מיר מיט אַ בליק אויף זיין אַקסל, אַז ער טראָגט אַ ביקס . . . די ביקס, ווי איך האָב זיך דערוואוסט שפּעטער, האָט ער באַקומען אין פראַנקרייך, נאָכדעם ווי ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון טויטן־צוג, געלאָפן צווישן וועלדער, דורכן פאַרבלוטיקטן, חורבן אייראָפּע, זיך דערקליבן אין דער ריי פון דער „מאַקי".

פלוצעם ווערט ער שטיל, קערט־אָפּ זיין פנים, ווענדט זיינע אויגן צו דער ערד.

איך קוק   צוערשט אויף אים, דאַן וועגד איך מיינע אויגן אין דער זעלבער ריכטונג.

קוקן מיר ביידע איצט אַראָפּ.

צווישן מיר און אים עפנט זיך די ערד, די ערד איז פול מיט גריבער, אָפענע, ווי איין גרויס קבר . . .

עס שטיקט אין גאַרגל . . .

איך שטעל זיך אויף און לויף . . . לויף ווידער צום טיר פון דער וואוינונג, וואו עס לעבן אַנאַכאַן און סאַדיק. איך וואַרט. איך קאַן אנדערש איצט ניט טאָן, נאָר וואַרטן . . .

זיי קומען, ענדלעך, אָן . . .

איך לויף זיי גלייך אַנקעגן . . .

נאָר מיין מויל ווערט פלוצעם שטום, די ליפן פאַרזיגלט . . . איך קאַן נישט אַרויסזאָגן זיי אָט־די פרייד מיינע . . . אנשטאַט דעם הער איך אַ מוראַדיק ביטער אויסגעשריי, יללות און אַ געוויין . . .

דאָס איז צו זיי, צו מיינע שכנים אַנאַכאַן און סאַדיק סואוואַנ־קולאַוון, אויך אַנגעקומען היינט אַ ידיעה, די שוואַרצע בשורה פון פראָנט, אַז טשינגיז, זייער יינגסטער זון, איז טויט! . . .



ע נ ג ש אַ פ ט

אין דעם קליינעם שטיבל מיטן קרומען פענצטערל האָבן געוואוינט דריי פערזאָן: דאָס געוועזענע פאָרפאָלק דליה און צבי און אַ קינד.

צוליב דעם מאַנגל אין וואוינונגען, האָבן דליה און צבי אין טאָג פון גט געהאַט צווישן זיך אָפּגעמאַכט אַזוי:

„היות די שטוב געהערט צו ביידן און קיין צווייטע איז נישטאָ, זאָל מען, באין ברירה, זי צעטיילן אויף צוויי, ביז איינער פון אונדז וועט זיך לסוף אויסגעפינען ערגעץ אַן אַנדער מקום״.

און אַזוי איז געווען: מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ שפּאַניש-ווענטל, פאַרוואַנדלט די שטוב אין צוויי באַזונדערע וואוין-ערטער.

— ווי לאַנג ביסטו שוין מיט אים געגעט? — פרעג איך דליה׳ן, בעת איך האָב זי אַמאָל באַגלייט אַהיים.

— נישט לאַנג,— ענטפערט זי מיר. — ס׳איז צוויי חדשים. נאָר חדשים זיינען דאָס אומגעהויער שווערע, טעג ציען זיך ווי אין אַ גיהנום! . . . דאָס זען אים פאַר מיינע אויגן אָדער דאָס הערן זיינע טריט אונטערן זעלבן דאַך דערגייט מיר די יאָרן . . .

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דליהן, געזען איר בלייך, פאַרזאָרגט פּנים און נישט געוואוסט מיט וואָס איר צו טרייסטן.

צעשטרייט האָט זי זיך, ווען כ׳האָב זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און ווייטער פאַרגעזעצט דעם שפּאַציר.

מיר זיינען געגאַנגען קיין יפו.

לאָזנדיק הינטער זיך תל־אביב, מיט די גרויסע, לויכטנדיקע געביידעס, איז מען אַריין אין אַ חרובה׳דיקן שטח.

פאַר אונדז האָט זיך געצויגן אַ ריזן־פעלד ברוך־ציגל, אַש, פאַרטרוקנטע ליים, צעבראָכענע טירן, גלאָזוואַרג, צעהאַקטע שטוב־כּלים, חפצים, שוואַרצע שטיקער האָלץ, קוילן, שילדלעך אין אַראַביש און עברית — דאָס אַלץ איז געלעגן צונויפגעמישט, באַדעקט די טראָטואַרן, דעם ברוק. אָפּגעווישט יעדן סימן פון אַ וועלכן עס איז לעבן. שווער געווען אַפילו צו דערקענען וואו אַ גאַס האָט זיך אַמאָל אָנגעהויבן און וואו אויסגעלאָזט.

אַוועקגייענדיק פון דער דאָזיקער חורבה, קאָנטיק אַן איבערבלייבעכץ פון דער מלחמה, איז מען ערשט אַריין אין אַ שמאָל געסל און דאָ, נעבן אַ טיר פון אַ נידעריקער שטוב, איז זי שטיין געבליבן.

— אַ גוטע נאַכט! — זאָג איך איר.

— אַ גוטע נאַכט! — ענטפערט זי.

— מאָרגן? — פרעג איך.

— יאָ! — הער איך איר ענטפער.

צומאָרגנס איז בא מיר דער טאָג געווען אַ פיל לייכטערער ווי די פריערדיקע. איך האָב מער נישט געפילט די פוסטקייט, וואָס האָט מיך געדריקט; אַ פוסטקייט, וואָס, קאָנטיק, הויזט אין מענטשן ווען ער איז אַליין.

אָ, דער היינטיקער טאָג איז אָן אויסגעפילטער מיט דערמאָנונגען פון נעכטן און דערוואַרטונגען אויפן אָוונט . . .

פונקט אַכט אָוונט איז דליה געקומען.

זי איז געווען עטוואָס מיד, קאָנטיק פון דער היץ.

מיר זיינען געגאַנגען דאָס מאָל אין מוגרבי־פאַרק, לעבן ים־ברעג.

אַוועקגעזעצט זיך, האָט דליה געפרעגט:

— שוין לאַנג אין ישראל?

— ערשט דריי יאָר, — ענטפער איך.

— וואו האָסטו געוואוינט?

— אין דער אַרמיי . . . איך בין געקומען מיטן „גחל", פון דער שיף גלייך אין דער אַרמיי.

— און איצט?

— איצט אַרבעט איך.

— בא וואָס?

— בא בוי־אַרבעט. אין סולל־בונה.

— וואו וואוינסטו?

— נאָך אַלץ אין בית־עולים.

— שווער? . . .

— ניין. מען געוואוינט זיך צו.

— דערצייל עפּעס פון אויסלאַנד. איך, אַ סאַברע, ווייס ווייניק פון יענעם לעבן . . .

איך האָב דערציילט וועגן זיך. אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בילדל און עס איר געוויזן.

— אָ, ביסט דאַ זייער יונג געווען! — זאָגט דליה.

— זיכער . . .

— זעסט אויך אוים ווי אַ היפּשער שלעגער . . .

— ניט שלעגער, נאַר דערשלאָגענער! ס׳איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען די היטלעראַווצעס האָבן דערמאָרדעט מיין משפחה . . .

זי האָט זיך געגומען אויספרעגן וועגן יעדן איינעם באַזונדער.

— און ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט? — פרעגט זי מיך.

— איך בין אַנטלאָפן, געלאָזט הינטער זיך דאָס אָקופּירטע פּוילן.

— וואו־אַהין?

— קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

זי האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס בילד.

— גוט געטאָן . . . — זאָגט זי אַ ווײַלע שפּעטער.

— וואָס גוט געטאָן? — פרעג איך און לאַך, פאַרשטייענדיק איר ענטפער.

מיר האָבן זיך טאַקע דערמאָנט דעם טאָג ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט . . . ס׳איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג, ווען איך בין געקומען אויף חופש. אין אַ רעסטאָראַן פאַר חילים האָט זי מיר סערווירט מיטאָג.

אַ קיל ווינטל האָט פון ים אַ יאָג געטאָן, אָפּגעפרישט אונזערע פנימער. מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט, זיך געלאָזט צווישן די ביימער. ס׳איז געווען אַ פיינער אָוונט.

עלף אַזייגער, האָב איך זי באַגלייט.

— אַ גוטע נאַכט!

— שלום! — ענטפערט זי.

— מאָרגן?

— יאָ.

צומאָרגנס איז זי נישט געקומען. זי האָט פאַרגעסן, אַז זי מוז זיין אַנוועזנד אויף אַ מיטינג אין דעם בית־ספר „ביאַליק” וואו זי אַרבעט.

געלאָזט ווימן האָט זי מיר דאָס דורך אַ בריוול, וואָס זי האָט אַליין

אריינגעוואָרפן דורכן טיר-שפּאַלט פון מיין וואוינונג, אַ צריף אין בית-עולים סלמה.

אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, האָב איך, אַנשטאָט אַ ראַנ־דעוואו, זיך צופרידנגעשטעלט מיטן בריוול . . .

דערפאַר, ווען זי איז אָנגעקומען אין פּאַרק מיט אַ טאָג שפּעטער, האָט זי געהאַט פאַר מיר אַ מתנה. עס איז געווען אַ טעקסט-בוך „עברית".

— נעם—, זאָגט זי מיר. — ווען דו וועסט באַהערשן די שפּראַך, וועסטו ערשט זיין אַ גאַנצער בירגער . . .

— און אַנדערש בין איך דען אַ האַלבער?

— נישט אַ האַלבער, אָבער אויך נישט אַ גאַנצער . . .

פּלוצעם ווערט זי ערנסט, עפנט דעם בוך.

דער פּאַרק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שול; די באַנק — אין אַ טיש. זי האָט געקנעלט:

„השמר, השמרי, השמרו, השמרנה" . . .

און איך . . . איך בין געווען צופרידן . . . קיין בעסערע לערערין האָב איך נישט געוואָלט, נישט באַדאַרפט. זי איז געווען די ריכטיקע לערערין, פון וועלכער כ'האָב טאַקע געחלומט . . . די ערשטע פרוי, וועמען איך האָב ליב געהאַט.

די ערשטע פרוי? . . .

יאָ! הינטער מיר ליגן די יאָרן פון מלחמה! נאָך איידער כ'האָב זיך אָפּגערוט פון דער מלחמה אין אייראָפּע, איז זי געקומען אין ישראל.

כ'האָב נישט באַוויזן אָפּצואָטעמען, צו שאַפן זיך אַ היים.

אָט-די צייט פון מאָרד האָט מיך באַרויבט, אַוועקגענומען פון מיר ליב צו האָבן און ווערן געליבט. אַפילו דעם ברען פון יונגקייט האָב איך לגמרי נישט געפילט . . . איך געדענק נאָר הונגער, צער און וואונדן. דאָס אַלץ, וואָס ליגט הינטער מיר.

— פון וואָס טראַכסטו דו? . . . — פרעגט דליה.

— פון גאָרנישט . . . — ענטפער איך.

מיר קוקן זיך אָן און פֿאַרמאַכן דעם בוך . . .
עלף אַזייגער האָב איך זי ווידער אַהיים באַגלייט.

★ ★ ★

עס זיינען אַוועק אַוונטן, איינער ענלעך צום צווייטן, ווי שנירלעך פּערל.

באַגער.

אויסדויער.

האָפֿענונג.

אַט קומט זי ווידער אָן. כ׳זע זי פֿון ווייטנס. שטיל זיינען אירע טריט, ווי שטיל עס פֿאַלדעווען זיך אירע שוואַרץ-סאַמעטענע גע־פֿלאָכטענע צעפּ אויף אירע איידעלע, צאַרטע אַקסלען. שטיל זיינען אירע אַלע באַוועגונגען, צוגעפּאַסט צו איר שטילן, מילדן אויסזען. גאָר באַזונדער — אין טונקעלע, מילדע פֿאַרבן זיינען אירע קליידער, האַרמאָנירן מיט איר עלאַסטישן, בויגעוודיקן גוף און צום אָריענטאַ־לישן, פֿול באַחנטן, סאַברעשן פּרויען־פּנים. און נאָך מער פֿון אַלץ רעדן צו מיר אירע אויגן, ספּעציעל ווען זי קוקט אויף מיר. איר בליק דריקט אויס מער ווי רייד . . .

— שלום!

— שלום!

מיר גייען אַדורך דעם טויער, לאָזן זיך טיף אין פּאַרק, אויף דעם אויסגעטראָטן סטעזשקעלע, וואָס פֿירט צווישן די ביימער צום ים־ברעג. ס׳איז שטיל. אַ ווינטעלע לייגט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, פֿרישט אָפּ די גראָזן. אין הימל, דעם בלוי-לויטערן, הויבן אָן אַרומ־שווימען די שטערן, איינע נאָך די אַנדערע. זיי קוקן אויס ווי זילבערנע לעמפּעלעך, פֿאַראייניקן הימל און ערד. אַ גריל פֿון אַ פֿויגל באַגלייט אונזערע טריט. צוויי ווייסע פֿליגעלעך שוועבן פֿאַרביי, שטעלן זיך אָפּ אויף אַ ווייסער בלום. מיר בלייבן שטיין, שפּאַרן זיך אָן אָן דער באַריערע. קוקן אין דער ווייטקייט. די אויגן זעטיקן זיך אָן, זאַפּן אין זיך אַריין די בלויקייט פֿון ים. אויך די כוואַליעס זיינען

איצט שטיל. און עס שרעקן נישט מער די מאַנעווּרירנדיקע שיפן, ס'איז וואַפנשטילשטאַנד. אַ געמיטלעכקייט אינעם האַרצן. פולע שלוה.

פלוצעם כאַפּט זיך דליה אויף, באַפרייט איר האַנט פון מיינער און זיפצט . . .

— וואָס איז? . . . פרעג איך זי.

— כ'האָב אַזוי מורא, מנחם! . . . — זאָגט זי.

— פאַרוואָס? — פרעג איך זי.

— ווער ווייסט ווען מיר וועלן צוקומען צו אַ דירה . . . — און קוקט אויף מיר מיט אירע אויסדרוקפולע, זאָרגעוודיקע אויגן.

אָט די זאָרגן . . . זיי ליגן אונדז גוט אין די ביינער . . .

— מיר דאַרפן שפּאָרן, — זאָג איך, — אָוועקלייגן אַ פּיאַסטער צו אַ פּיעסטער, ביז צו אַ סומע, פאַר וועלכער מען קאָן קריגן אַ שליסל צו אַ דירה.

— שפּאָרן?

— מיר אַרבעטן דאָך ביידע, זאָג איך.

— יאָ. אָבער איך קאָן נישט שפּאָרן. כ'פאַרדין ווייניק. קוים זיך אויסצוהאַלטן. און דערפון האַלט איך נאָך אויס מיין קינד.

— קינד?

— יאָ, איך האַלט אויס מיין קינד. ער, דער פאָטער, אַרבעט נישט, פאַרדינט נישט . . . מוז איך עס טאָן . . .

אירע רייד ווערן פלוצעם איבערגעריסן. אַ המון יונגע מענטשן האָט מיטאַמאָל אויסגעפילט דעם ים־ברעג. דאָס זיינען געווען בחורים אין כאַקי־קליידער, מיידלעך אין כאַקענע בלוזקעס. קיבוצניקעס, קאַנ־טיק געקומען אויף אַן אויספלוג. זייערע הויכע רייד מישן זיך אויס מיט געלעכטער און מאַכן פול דעם אָרום.

מיר זיינען אַוועק אין אַ זייט, געגאַנגען אויף דעם נאָר־וואָס אויסברוקירטן, ווייסן טראָטואַר, וואָס פאַראייניקט די שטעט תל־אביב אין יפו לענגאויס דעם ים־ברעג.

די פייכטע לופט האָט אין זיך איינגעשלונגען אונדזערע פּלענער, זאָרגן פאַר דער צוקונפט . . .

★ ★ ★

אזוי זיינען עטלעכע חדשים אריבער.

איצט איז פרילינג, 1951, פּורים. מיט אַ שלח-מנות, אַ בינטל בלומען שטיי איך באַם טויער פון זעלבן פּאַרק און וואַרט אויף דליהן.

כ׳קוק אויפן זייגער.

שוין פינף, צען מינוט נאָך אַכט. כ׳הויב אָן איבערקלערן. ס׳איז נישט איר טבע צו קומען שפּעט. פאַרקערט. זי האָט ליב שטענדיק צו זיין פּינקטלעך . . .

— וואָס האָט פּאַסירט? . . . — פרעג איך זיך און דערפיל אַ מידקייט.

צום סוף גיי איך אריין אין פּאַרק, זעץ מיך אויף „אונדזער" באַנק, קוק אויפן טויער.

פּלוצעם — אַ פרוי.

כ׳לויף איר אַנטקעגן.

אַ טעות!

זעץ איך מיך ווידער און גיב זיך לסוף אַ באַפעל, ווי די טבע פון אַ סאָלדאַט, כ׳זאָל בלייבן רואיק: „מסתמא האָט גאָרנישט שלעכטס פּאַסירט" . . . — זאָג איך זיך.

ענדלעך, ענדלעך . . .

כ׳גיי איר אַנטקעגן.

נאָר דליה בלייבט שטיין מיט די אויגן צו דער ערד.

— וואָס איז?, — פרעג איך.

זי ענטפערט נישט. איר פּנים, יעדער שטריך, אַלע דעטאַלן, דריקן אוים ליידן . . .

איך וויל נאָכאַמאָל פרעגן. כ׳האָב אָבער נישט די דרייסטקייט

צו צעשטערן איצט איר גלייכן בליק.
כ׳קוק אויף איר און וויל וויסן פון וואָס, אַ שטייגער, זי טראַכט...

★ ★ ★

זי זעט זיך אין איר שטוב. ס׳איז שפּעט, נאָך עלף. נאַרוואָס איר באַגלייט אַהיים. זי נעמט אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטל און לאָזט זיך צו איר קינד. ער, דער פיר - יאָריק יינגל עמוס, שלאָפט שוין . . . אין זיין הענטל ליגט נאָך דאָס מעשה-ביכעלע, אין וועלכנס בילדער ער האָט פריער אַדיינגעקוקט און זיך, מסתמא, אַ מעשהלע געלייענט. זי שטעלט אַוועק אַ גלאָז מילך: „ער וועט זיך אין דער נאַכט אויפכאַפּן" . . . קושט אים אַ גוטע נאַכט און לאָזט אַראָפּ איר מידן גוף אין שלאָף.

אין דעם מאָמענט דערהערן זיך טריט. ס׳זיינען די טריט פון אים, דעם מאַן, וואָס וואוינט הינטערן שפּאַנישן ווענטל. ער באַוויזט זיך, טראָגנדיק אַ פּאָר אויסגעפּרעסטע הייזלעך פאַרן קינד. לייגט זיי אַוועק אויפן קינדער-שטול, פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. ער קערט זיך אום, פאַרטשעפּעט בשעת מעשה אַ לעמפּל וואָס הענגט אויף דער וואַנט. עס פאַלט אַראָפּ. שטיקער גלאָז שפּרינגען.

דערשראָקענע הויבן ביידע אָן אויפצוראַמען דאָס גלאָז, כדי דאָס קינד זאָל זיך נישט אַריינשניידן מיט זיינע באָרוועסע פיסלעך, דערביי, ניט ווילנדיק, באַגעגנט ער איר האַנט און פּרוּווט זי צו ציען צו זיך . . .

זי ווערט זיך, דליה.
זי האָט אים פון זיך אָפּגעשליידערט . . .
דאָס איז געווען איין אָוונט.
און אפשר עטלעכע אָוונטן.
צום סוף האָט זי זיך געמוזט אונטערגעבן . . .

★ ★ ★

דליה הויבט ענדלעך אויף די אויגן, קוקט מיך אָן און זאָגט:

— זיי מוחל, מנחם! איך קאָן נישט מער . . . איך בין געוואָרן פון דעם לעבן באַזיגט . . . כ׳פּיל אין זיך אַ קינד. איך מוז צוריקגיין צו מיין געוועזענעם מאַן.



אין שול־קלאַס

אָנהויב לערן־יאָר.

אין שול־קלאַס קומען־אָן קינדער, איינס נאָך איינס, זעצן זיך אוים אויף די בענק.

קינדער, וועלכע באַטרעטן דאָס ערשטע מאָל די שוועל פון דער שול.

יינגעלעך, מיידעלעך קוקן זיך אָן מיט חידוש און נייגער, ווערן היימיש צווישן זיך.

פּאַרנט שטייט ער, דער לערער דאָן וואַלאַס, שרייבט־אָן אויפן טאָוול זיין נאָמען.

די קינדער רופן־אוים זייערע נעמען.

מיט דער צייט, אין גאַנג פון די לימודים, הויבט זיך ערשט ריכטיק אָן דער לערער באַקענען מיט זיינע תלמידים. ער געפינט אוים, אַז דאָס מאָל זיינען די קינדער גאָר פאַרשיידענע, מיט באַזונדערע פאַרגאַנגענהייטן; געקומענע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. קינדער, וואָס די מערהייט פון זיי קאָן נישט די ענגלישע שפּראַך. זייערע בליקן זיינען נאָך צעטומלטע, דערשראָקענע.

באַזונדער, גאָר באַזונדער ציט זיין אויפמערקזאַמקייט דאָס קינד, וואָס זיצט רעכטס פון אים אויף דער פערטער באַנק — דאָס מיידעלע מיטן רויטן בענדעלע אויף איר געקרויזלטן קעפּל.

איר נאָמען איז פּאָלאַ.

לסוף ווערן די קינדער מיט אים היימיש. אויך די שפּראַך, אין משך פון אַ קורצער צייט, האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּראָבלעם.

נאָר דאָס מיידעלע, פּאָלאַ, מיטן רויטן בענדעלע, הערט נישט אויף דעם לערער דאָן וואַלאַס צו פאַראינטריגירן.

פּאָלאַ האַלט כסדר די אויגן אין אַ זייט, און ווען זי הויבט זיי אויף, קוקן זיי אויף אים מיט שרעק . . .

אַ קינד אָן אַ שמייכל, מיט אַ טויט ערנסט פּנימל . . .

ער פּרואווט צעשטרייען מיט אַ מעשהלע . . .

די קינדער לאַכן . . .

נאָר נישט פּאָלאַ.

פּאָלאַ! פּאָלאַ! — לאָזט ער בכיוון זיין שטים העכער ווי גע־וויינלעך גלייך אין איר ריכטונג, כדי דערמיט אויפצוואַועקן זי פון דער כסדר׳דיקער פאַרזונקענקייט . . .

פּאָלאַ שווייגט.

זי ענטפערט נישט.
ס׳זיינען אוועק אזוי טעג.

★ ★ ★

איינמאל בעת די קינדער האבן פארלאזט דעם שול־קלאס און זיינען געווען אויפן וועג אהיים, האט דער לערער דאן וואלאס באמערקט: אויף דער באנק, וואו עס זיצט פאלא, ליגט א טיכעלע. ווען ער הויבט עס אויף, זעט ער, אז דאס טיכעלע איז נאס . . . ער לאזט זיך ארויס פון שול־קלאס, מיט גרויסע שפרייזן.

גייענדיק גיך, באגעגנט ער זיך מיט פאלא׳ן אין שול־הויף באם טויער.

— וואו וואוינסטו, פאלא?

זי ענטפערט נישט, קערט זיך אפ פון אים.

פלוצעם פאלט ארויס פון איר הענטל די העפט.

ער לאזט זיך גיין אין איר ריכטונג, ביז צום גערטנדל, זעצט זיך אוועק.

זיצנדיק אויף דער באנק, נעמט ער ארויס פון קעשענע א בילד.

און בעת זי גייט נאענט פארביי, שטרעקט ער אויס זיין האנט:

— געפעלט דיר דאס מיידעלע?

זי נעמט פארזיכטיק אין איר הענטל די פאטאגראפיע.

— יא.

זיין פנים לויכט־אויף.

— דאס איז מיין טעכטערל, — זאגט ער, — איר נאמען איז אויך פאלא. מען רופט זי פאלין. מיין פאלא . . .

— אזוי, אויך פאלא?

— יא, און זי איז אויך אלט אכט יאר. נאר מיין טעכטערל רעדט . . . זי רעדט א סך, אי צום פאטער, אי אין שול צום לערער . . . פארוואס רעדסטו נישט? . . .

— איך ווייס נישט . . .

און זי קוקט נישט אויף אים, מיידט־אויס זיין בליק, ווי מען מיידט־אויס א גזלן: — איך ווייס נישט . . . איך ווייס נישט . . .

און ער הערט בשעת מעשה איר הארץ קלאַפּן מיט שרעק . . .
— נו, גוט . . . — זאָגט ער, און לאָזט זי גיין.
זי קערט זיך אום, דערלאַנגט אים צוריק די פאָטאָגראַפיע.
— וואו איז געבוירן דיין פּאַלאַ? — פרעגט זי פּלוצעם.
— דאַ־הי אין טאָראָנטאָ.
— אין טאָראָנטאָ?
— יאָ.
— און דו, לערער, וואו ביסטו געבוירן?
— אויך דאַ־הי אין טאָראָנטאָ.
ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר זי האָט פריי אָפּגעאָטעמט.
זי הויבט־אויף איר קעפּל, איר פאַרזאָרגט שטערנדל. און אין אַ ווינקל פון מויל באַווייזט זיך אַ דין שמייכעלע.
— זאָג־זשע איצט, פאַרוואָס דו שווייגסט . . . פאַרוואָס רעדסטו נישט?
— ווייל כ'ווייס נישט . . . ווייל כ'ווייס נישט . . . ווייל דו טראָגסט אַ גרינעם מונדיר . . . — זאָגט זי שטיל.
— אַ מונדיר? וואו?
זי הויבט־אויף דאָס ערשטע מאָל די אויגן צו אים.
— ס'איז נישט אַ מונדיר, — זאָגט ער. — ס'איז אַן אָנצוג פון גרינעם שטאָף. אָבער דערצייל מיר פונעם מונדיר.
— וועלכן מונדיר?
— יענעם מונדיר, פאַר וועלכן דו האָסט מורא.
איר פּנימל ווערט פאַרטונקלט . . .
זי שטייט, ווי זי וואָלט זיך מיט זיך אַליין געראַנגלט.
ער קוקט נישט אויף איר — קוקט אין אַ זייט.
ער הערט אַ קינדיש שטימעלע:
— איך בין געקומען פון דאָרטן, וואו עס איז געווען די געטאָ. דאָרטן האָט מיך מיין מאַמע באַהאַלטן . . . ערגעץ־וואו באַהאַלטן . . . איך בין שוין נישט געווען אַ קינד, נאָר אַ מיידל פיר יאָר

אַלט. האָב איך געוואוסט . . . אַלץ געוואוסט . . . ווען זיך צו באַהאַלטן . . . ווען צו שווייגן . . .

איינמאָל האָט געהאַלטן אין אָנקומען אַ דייטש. כ'האָב געזען זיין גרינעם מונדיר . . .

איך בין באַלד פאַרשוואונדן, אַנטלאָפן אין דער באַהעלטעניש . . .

איך האָב געהערט זיינע שטיוול, קלאַפנדיק מיט זיינע שטיוול . . .

ער האָט געשריגן, געשריגן הויך:

— הענט הויך!

ער האָט מיין מאַמען דערהרגעט. כ'האָב געהערט איר אַנידערפאַלן. זי איז געפאַלן אויפן טירל, וואו איך בין געלעגן באַהאַלטן אונטן . . . איר בלוט איז גערונען דורך די שפּאַרעם אַראָפּ פונעם טירל.

פון דעמאָלט־אָן זע איך באַנאַכט די מאַמע . . . און דעם גרינעם מונדיר.

אַרויסגערעדט האָט זי דאָס אַלץ מיט איין אָטעם גיך, ווי אָפּגעפּטרט.

★ ★ ★

צומאָרגנס האָט דער לערער דאָן וואָלאָס זיך מער נישט באַוויזן אין שול־קלאַס אין זיין גרינעם אָנצוג. און אַזוי אַ סך טעג . . .

דאָקטאָר קאַרל אַבראַמאָוו

דר. קאַרל אַבראַמאָוו האָט געהאַט זיין קאַבינעט אויף דער ריווער גאַס — אַ געוויינלעכע גאַס. צו אים קומען אָפט פּאַציענטן, ניט ווי צו אַ סך אַנדערע דאָקטוירים פון שטאָט, וועלכע הייסן זיך באַצאָלן פאַר אַ וויזיט פון פינף ביז צוואַנציק דאָלאַר. ער באַנוגנט זיך

מיט ווייניקער. שוין פופצן יאָר, ווי ער וואוינט אין קאַנאַדע, פּראַק־טיצירט אין דער שטאָט טאָראָנטאָ.

ס׳איז מיטאָג־צייט.

קיין קראַנקע זיינען איצט ניטאָ. דר. קאַרל אַבראַמאָוו גייט אָבער ניט אַרויס פון זיין קאַבינעט. אים ווילט זיך היינט ניט גיין אין אַ רעסטאָראַן.

פאַרוואָס?

היינט איז רחלס יאָרצייט. דעם דאָזיקן טאָג, דעם זעקסטן אָקטאָבער, וועט ער, וואַרשיינלעך, געדענקען די רעשט פון זיין לעבן.

וויפל יאָר איז שוין דערין?

אין דער־אַ שעה וועט פונקט זיבעצן יאָר, ווי זי איז אומגעקומען. זי איז ניט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט. דערמאָרדעט האָט זי איינער פון סטעפּאַן באַנדעראַס באַנדע.

וואָס האָבן עס די באַנדעראָווצעס געהאַט קעגן זיין ווייב?

ניט זי אַליין האָט מען דערמאָרדעט, צוזאַמען מיט איר איז דער־מאָרדעט געוואָרן אויך איר ברודער.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, צוגעגאַנגען צו דער פּאָליצע מיט ביכער. ער האָט געקוקט, געניש׳טערט צווישן די דיקע טאָוולען און אַרויסגענומען אַ דין ביכל. דאָס דינסטע אויף דער פּאָליצע. עס איז געווען דאָס איינציקע יידישע ביכל אין זיין ביבליאָטעק. צווישן די זייטלעך, האָט ער געוואוסט, וועט ער געפינען איר בילד. זי, רחל, האָט אַמאָל, קאַנטיק, געלאָזט דאָ איר בילד. ווען? ער קאָן זיך עס ניט דערמאָנען . . .

ער האָט גענומען דאָס ביכל אין דער האַנט: אַ דין ביכל, אָבער אַ גרויס ווערק . . . געשריבן האָט עס אַ מענטש מיטן זעלבן גורל — אויך יונגערהייט אומגעקומען, דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער מלחמה.

זי האָט דאָס ביכל, געדענקט ער, אָפט געלייענט, ווי זי וואָלט פאַרגעפילט דעם טויט. ער האָט עס געעפנט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול.

„און ווי שטום בין איך דעמלט אַן ווערטער געשטאַנען,
געקוקט אין דער וועלט, וואָס איז פּוסט מיר געוואָרן,
און געהערט האָב איך נאָר אין דער לופטן אַן אָפּקלאַנג
פון עפּעס, וואָס איז מיר אויף אייביק פאַרלאָרן".

די טיר פון זיין קאַבינעט האָט זיך פּלוצעם געעפנט. ביי דעם אַריינגאַנג איז געבליבן שטיין אַ מענטש. אָנגעטאָן איז ער געווען אין זייער אַ לאַנגן, זייער אַ ברייטן, אומגעלומפּערטן מלבוש מיט אַ הויך־אויפגעשטעלטן קראַגן אין וועלכן ער האָט באַהאַלטן דאָס פּנים. דער מענטש האָט געמאַכט אַ שפּאַן צום מיטן פון קאַבינעט־צימער, דערביי איז דורכגעלאָפן אַ ווינט, און אויסגעדוכט האָט זיך, אַז נישט קיין מענטש איז אַריינגעקומען, נאָר אַז צו דר. קאַרל אַבראַמאָוו׳ן איז אַריין דער טייוול אַליין.

דער מאַן האָט געפרעגט:

— איר זייט דר. אַנדריי פּלאַטאָוו? . . .

די פראַגע איז געפאַלן אַזוי אומגעריכט, אַז דער דאָקטאָר האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, און פון זיין האַנט איז אַרויסגעפאַלן דאָס בּיכל מיט דעם בילד פון זיין פרוי. ער האָט געקוקט אויפן געקומענעם, געוואָלט זען, ווער ער איז, אָבער נישט געקאָנט. יענעמס פּנים איז נאָך אַלץ געווען באַהאַלטן טיף אין קראַגן.

— ניין, האָט געענטפערט דער דאָקטאָר. — איך בין נישט די פּערזאָן, אויף וועלכן איר פרעגט. מיין נאָמען איז דר. קאַרל אַבראַמאָוו. איר קאָנט זיך איבערצייגן אין דעם, אויב איר וועט איבערלייענען דאָס שילדל אינדרויסן אויף מיין טיר.

דער מענטש אין אומגעלומפּערטן לאַנגן מאַנטל האָט זיך אַ קער־געטאָן מיטן פּנים אין אַן אַנדער זייט, אַרויסגענומען די האַנט פון קעשענע, אין וועלכער עס האָט אַ בליץ געטאָן אַ שאַרף שטיק מעטאַל.

ער איז געבליבן שטיין פאַרן דאָקטאָר מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט.

— קאָן זיין, אַז איך האָב אַ טעות דאָקטאָר, וועט איר מיר מוחל זיין, — האָט ער געזאָגט, — נאָר אויב ניט, אויב איר זייט די פּערזאָן,

וועמען מיר זוכן, דר. אַנדריי פּלאַטאָוו, וועט איר, פאַר אייער פאַרראַט, פאַר אייער האַנדלונג קעגן אונדז, ניט בלייבן לעבן.

אַרויסגעזאָגט די ווערטער אין איין אָטעם, האָט דער פּאַרשוין צוריק אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן רעוואָלווער אין קעשענע און מיט דער אַנדערער אַ כאַפּ-געטאָן דאָס הענטל פון דער טיר, פאַרלאָזט דעם קאַבינעט און פאַרשוואונדן.

דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ שפּאַן צו דער טיר, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים נאָכלויפן.

אַ שוויים האָט באַגאָסן זיין פּנים.

ער איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך . . . פאַרן דאָקטאָרס אויגן האָט נאָך געבליצט דער אויסגעשטרעקטער רעוואָלווער.

אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז עס איז דער זעלבער רעוואָלווער, וועלכער האָט פון זיין רער אַרויסגעלאָזט אַ קויל און דורכגעלע־כערט רחלס יונגן קערפּער.

— רחל, כ׳האָב אים געפּאַקט! כ׳האָב ענדלעך געפּאַקט דיין מערדער! אָט באַלד . . .

ער איז צוגעלאָפן צום טיש מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און גענומען קלינגען אין דער פּאָליציי. נאָר באַלד זיך אָבער מישב געווען: ניין, עס וועט גלייכער זיין אַליין צוגיין אין דער פּאָליציי, אַליין אַלץ דערציילן.

★ ★ ★

דר. קאַרל אַבראַמאָוו איז אַ מאַן פון איבער פופציק. ער זעט אָבער אויס פיל עלטער, כאָטש ער איז נאָך זייער באַוועגלעך און ענערגיש אין זיין אַרבעט. די קנייטשן אויפן פּנים, דער טיף-טונקעלער בליק פון זיינע גרויע אומעטיקע אויגן זאָגן עדות, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט אַ שווער לעבן הינטער זיך.

אין משך פון די אַלע יאָרן, זינט ער האָט זיך באַזעצט אין קאַנאַדע, איז בא אָט-דעם מענטשן דער גאַנצער אינהאַלט פון זיין לעבן — זיין אַרבעט.

ווי נאָר ער שטייט אויף אינדערפרי, אין זיין איינזאַמען צימער,

נעמט ער טראַכטן וועגן זײַנע פּאַציענטן. וועלכער קראַנקער נויטיקט זיך אין אַן אָפּעראַציע, וועלכער אין אַן אײַנשפּריצונג, וועלכער אין אָפּרו . . .

די פּאַציענטן נעמט ער אויף זעקס שעה אַ טאָג אויף דער ריוועראַגאַס בײַ זיך אין קאַבינעט, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דער ברייטער פּאַרק עוועניו אין שכנות פון שפּיטאָל.

אין צענטראַל־שפּיטאָל, זעט מען אָפט דר. אַבראַמאָוון, בעת ער פירט דורך אָפּעראַציעס. ער איז ספּעציאַליזירט לעצטנס אויף דעם געביט פון קאַנסער. אין דער פריִער צײַט, אַפילו זונטיק, שטודירט ער, פאָרשט, פירט דורך עקספּערימענטן איבער פאַרשיידענע היהלער, זוכט, ווײַל געפינען אַ מיטל, וואָס זאָל פון דער ערד פאַרניכטן דעם קאַנסער. אין דעם געפינט ער באַפרידיקונג. ער פילט, אַז ער ברענגט אַ נוצן. די אַרבעט, די פּראָפעסיע, איז בײַ דר. קאַרל אַבראַמאָוון ווי דאָס לעבן גופא.

געוואָרן דאָקטאָר איז ער, ווען?

וועגן יענער צײַט וויל ער ניט טראַכטן, ווײַל זיך אָפט נישט דערמאָנען . . . ווײַל ניט נאָר יאָרן טיילן אים אָפּ פון דעם דעמאָלט ביז הײַנט. אין יענעם צײַט־אָפּשניט ריזלט אַ ים מיט טרערן, בלוט, זײַן אייגן בלוט . . . עס דוכט זיך אים אָפט אויס, אַז פון דעם אַמאָל ביז איצט זײַנען צוזאַמען מיט די אָפּגעפּלאָסענע זעקס און צוואַנציק יאָרן אַדורך דורות מיט רשעות, פּײַן, ברוטאַלקייט. ווען ער דערמאָנט זיך אין אַט־די יאָרן, פילט ער זיך נאָך מער איינזאַם, אַלט . . .

געוואָרן דאָקטאָר איז ער דאָרט, וואו ער איז געבוירן.

עס איז געווען אין פּוילן, אין דער שטאָט לעמבערג, וואו ער האָט זיך דערצויגן, אויסגעוואַקסן מערסטנטייל צווישן קריסטן.

ער איז געווען איין ייִד, איין סטודענט אין זײַן גרופּע אין אוניווערסיטעט פאַר מעדיצין.

איין ייִד, פאַרוואָס?

פאַרוואָס? האָט ער זיך אָפט געפרעגט . . .

און ער האָט געוואוסט גאַנץ וואויל, אַז מען וואָלט אויך אים

איינעם ניט אריינגעלאזט אהין ווען ניט די פראטעקציע, וואס זיין פאטער — א „מאדערנער" ייד א בוכהאלטער, האט געהאט דורך א פריץ, וועמענס ברוסט עס איז געווען באצירט מיט מעדאלן פון א הויך־ראנגיקן פוילישן אפיצער . . .

אלס ייד איז ער אויף אזא אדער אנדערן אופן געווארן דיסקרי־מינירט פון דער מאכט, פון מענטשן

דעמאלט האט דער יונגער קארל אבראמאוו געוואלט אנטלויפן פון זיך אליין . . . וואוהין?

ער האט זיך געזוכט נייע וועגן, וואו ער זאל האבן מער פריי־היים . . .

דאך איז ער אויסגעוואקסן א געזונטער מאן, פיזיש קרעפטיק, הויך געבויט, גלייך, ווי א יונגער בוים. אבער זיינע אויגן פלעגן קוקן אין א זייט, מיט א פארטונקלטן בליק.

ווען אויגן פון א מענטשן באגעגענען זיך אפט מיט בליקן, וועלכע זידלען, חוזקן, ווערן זיי, די אויגן, אנגעפילט מיט פארגליווערטקייט.

אין קארלס אויגן האט מען געקאנט געפינען דעמאלט אלץ: מורא, פארגליווערטקייט, אויסגעמישט מיט פראטעסט . . .

דארט, אין זעלבן אוניווערסיטעט, האט קארל אבראמאוו געהאט א פריינט, זיין בעסטן יוגנט־פריינט, אן אוקראאינער, מיטן נאמען אנדריי פלאטאוו.

אנדריי איז געווען א לעבעדיקער, אן אימפולסיווער, א זעלבסט־שטענדיקער פון דער נאטור, ווי א גייענדיק וואסער.

ביידן, קארלען און אנדרייען, האט מען אפט געזען צוזאמען בעת די איבערייסן צווישן איין לעקציע און דער צווייטער. אמאל אין קארידאר, אמאל אין קלאס־צימער, אמאל אויך אין רעסטאראן. זיי האבן שטענדיק געהאט וועגן וואס צו רעדן בעתן שטודירן, גרייטנדיק זיך צו די עקזאמענס.

צוזאמען אין איין טאג האבן זיי באקומען די דיפלאמען. נאך דעם האבן זיי געהאט א פלאן עפענען אינאיינעם א קאבינעט, נאר

ניט רעאַליזירט אים. זיי האָבן אָנגעהויבן זייער פּראַקטיק אין שטאָט־שפּיטאָל.

און דאָס לעבן וואָלט אַזוי ווייטער געגאַנגען.

★ ★ ★

ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

טויט האָט זיך אַריינגעריסן אין סאַמע בלי פון זיין לעבן.

אויפן דאָקטאָר, וואָס האָט פּראַקטיצירט ערשט קוים דריי יאָר, איז די מלחמה געפאַלן פיל שווערער ווי אויף זיין פאָטער, וועלכער איז אין ערשטן טאָג אומגעקומען פון אַ באָמבע.

זומער, אין יאָר 1941, האָבן דעם שפּיטאָל פאַרנומען די אָקו־פּאַנטן, די דייטשן.

דר. קאַרל אַבראַמאָוו האָט אָנגעהויבן טראָגן די געלע לאַטע, אַ באַנד אויפן אָרעם מיט דער אויפשריפט „יודע". אַלס פּראָטעסט האָט ער אָרגאַניזירט אַ הייל־אַנשטאַלט, געהיילט אומזיסט . . .

קיין קראַנקע האָבן ניט געפעלט, די שפּיטאָלן זיינען געווען אי־בערגעפולט.

דערנאָך איז געוואָרן נאָך ערגער.

דער דייטש האָט פאַרשפּאַרט די יידן אין דער געטאָ, אין ענגן קרייז פון די הינטערגעסלעך. זיי האָבן אָנגעשטאָפּט צו צען־צוועלף נפשות אין דעם קלענסטן צימערל. אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויט פון שטעכל־דראָט די געטאָ, אָפּגעטיילט, אָפּגעשלאָסן זי פון דער אַרומי־קער, דרויסנדיקער וועלט.

מיט זיין פריינט, מיט דר. אַנדריי פּלאַטאָוו, האָט ער פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט.

אַנדריי, וואָס האָט געהאַסט דעם אָקופּאַנט, האָט, זיכער, זיך געלאָזט אויף די וועגן, וואו ער וועט געפינען פאַר זיך אַן אָרגאַניזא־ציע, אַ פּאַרטיזאַנישע גרופּע, אין וועלכער ער זאָל קאָנען זיך שלאָגן, שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם אָקופּאַנט. מיט אים, מיט דר. קאַרל

אבראַמאָוון, האָט פּלאַטאָוו זיך ניט געעצהט, זיך אַפילו ניט געזע־געגט...

די געטאָ איז געווען אין אַ צושטאַנד פון אונטערגאַנג, פון פול־שטענדיקער פאַרניכטונג. ניט בלויז איבער די עפּידעמיעס, קראַנק־הייטן, איבער דעם פּיינלעכן כראָנישן הונגער, איבער דער טויטער ענגשאַפט, נאָר איבערהויפּט צוליב דעם כסדרדיקן אַרויספירן מענטשן אין די טויט־פאַבריקן, גאַז־קאַמערן.

דעמאָלט, אין די שווערע טעג, אין אַנבליק פון טויט, איז פון פּלאַטאָוון אָנגעקומען אַ ידיעה צו דר. קאַרל אַבראַמאָוון.

אין געטאָ איז געקומען פּלאַטאָווס שוועסטער, אַ יונג מיידל מיטן נאָמען טאַמאַראַ. זי האָט זיך דורכגעשמוגלט דורך דעם געטאָ־טויער און געקומען צו אים, צו קאַרלען, מיט אַ פּאַספּאָרט אין די הענט.

— אָט איז אַ פּאַספּאָרט.

— ווי אַזוי?

מיין ברודער איז אַוועק דורך די אוקראַאינישע וועלדער אויף יענער ערד, צו די רוסן. ער וואָלט סיי ווי ניט געבליבן לעבן. דאָרט וועט ער זיך געפינען צווישן פּאַרטיזאַנער אָדער גאָר, אויב מען וועט אים לאָזן, אין דער רעגולערער אַרמיי. דאָרט וועט ער זיך שלאָגן קעגן די דייטשן. ער וועט ניט קומען אַהער ביז דער דייטש וועט אינגאַנצן נישט פאַרשווינדן פון אוקראַאינע. ער האָט מיך געבעטן אין אַ צוויי וואָכן אַרום, נאָך דעם ווי ער וועט אַוועק פון שטאָט, אויב איך וועל אַפילו ניט הערן פון אים, איבערגעבן אייך דעם פּאַס . . .

עס איז געווען אין יענער צייט, ווען די דייטשע היטלער־אַרמיי איז אַריינגעדרונגען טיף — אויף רוסישער ערד.

דער פּאַספּאָרט איז געווען אויפן נאָמען פון אַנדריי פּלאַטאָוו.

— וועמענס פּאַספּאָרט איז דאָס?

דער פּאַספּאָרט האָט געהערט אונזערן אַ קוזין, וואָס איז אומ־געקומען דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה. קיינער ווייסט וועגן דעם ניט. איר קאָנט זיך ראַטעווען.

— וואָס דאַרף איך טאָן? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר נאַאיוו.

דר. קאַרל אַבראַמאָוו האָט נישט געוואוסט, אַז מען קאָן אָפּנאַרן דעם דייטש, לעבן אויף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט, אָנגיין פאַר אַ קריסט...

צוליב דעם האָט ער נאָר באַדאַרפט זיך פאַרלאָזן לאַנגע וואָנצעס.

און אַזוי איז געווען:

אין צוויי וואָכן אַרום האָט דר. קאַרל אַבראַמאָוו פאַרלאָזט די געטאָ. דעמאָלט האָט ער מיטגענומען מיט זיך רחלען, די קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז שוין געווען זיין ווייב.

דער כירורג אַבראַמאָוו און רחל די קראַנקן־שוועסטער — מען האָט זי שטענדיק אַזוי גערופן, אַפילו ווען זי איז שוין געווען זיין פרוי — האָבן אינמיטן אַ ווינטער־נאַכט פון פעברואַר 1942 זיך געלאָזט צום שטעכל־דראָט, ריזיקירט זייער לעבן און אַזוי אַרום זיך אַרויס־געשמוגלט פון געטאָ.

אויף דעם ערשטן טאָג האָט געוואַרט אויף זיי טאַמאַראַ, וועלכע האָט זיי אָפּגעפירט צו זיך אין צימער אַריין.

צוליב פאַרזיכטיקייט איז דר. קאַרל אַבראַמאָוו באַלד אַוועק זיך זוכן אַן אָרט. מיט דער הילף פון זיינעם אַ פּאַציענט, אַן „אַריער", איז אים געלונגען דינגען אַ צימערל אויף דער אַרמיאַנסקאַ גאַס נומער זעכציק, לעבן אַ קירך. אין אָט־די אומשטענדן האָט ער אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן.

ער דערמאָנט זיך, אַז אין אָט־דער „פרייער" וועלט האָט אין דער זעלבער צייט געלעבט אַ מענטש מיטן נאָמען סטעפּאַן באַנדעראַ, אַ מענטש פול מיט אַמביציעס.

— „אוקראַאינע בלויז פאַר די אוקראַאינער!" — איז געווען זיין דעוויז.

באַנדעראַס באַנדעס האָבן זיך געשטעלט צו דינסט די היטלעריסטן, זיי זיינען צעשפּרייט געווען אין די וועלדער, אָרגאַניזירט אין אָפּטיילונגען, אין גרופּעס. געשפּייזט האָבן זיי זיך פון גזילה און רויבעריי. מען איז אַריין צו אַ פּויער, און אויב ער האָט נישט געגעבן, האָט מען אַליין גענומען.

ס'איז געווען פונקט פיר חדשים ווי דער יידישער דאָקטאָר האָט

געלעבט אויפן קריסטאַלענעם פּאַספּאָרט אונטערן נאָמען דר. אַנדריי פּלאַטאָוו.

דעמאָלט איז עס געשען. איינמאָל אין אָוונט איז פּלוצעם געקומען אַ „פּאַציענט“, וועלכן ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. דער פּאַציענט האָט דערקלערט, אַז ער נויטיקט זיך אין אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג.

— ווער זייט איר?

— איינער פון אייערע שכנים. איך וויל, איר זאָלט מיך באַטראַכטן. איך פיל זיך שלעכט. אין געלט וועט קיין מניעה נישט זיין, וויפל איר ווילט . . .

דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעדרייט, כדי צו נעמען זיינע אינסטרומענטן. און איידער ער האָט זיך באַוואויגן, איז זיין קאָפּ שוין געווען אין אַ זאַק, ער האָט גלייכצייטיק דערפילט דעם באַריר פון עפּעס אַ האַרטס, פון אַ שטיק מעטאַל.

— „איר וועט לעבן, אויב איר וועט גיין מיט אונדז! . . .“

מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם דאָקטאָר. אין הויף האָט שוין געוואַרט אויף אים אַ וואָגן.

מען האָט אויך אַרויסגעטראָגן די קראַנקן־שוועסטער.

מען האָט אַרויסגעטראָגן די כירורגישע אינסטרומענטן.

מען האָט זיי אַרויסגעפירט אין אַ וואַלד אַריין.

דאָס לעבן פון קאַרל אַבראַמאָוו און זיין ווייב איז דאָ געווען אין געפאַר.

זיי האָבן זיך געפונען אין די הענט פון מערדער . . .

אין אָנדערהאַלבן מעת־לעת אַרום האָט מען זיי געבראַכט אין אַ גרופּע פון באַנדעראַס קוילער.

דער בונקער, וואו די באַנדעראָווצעס האָבן זיך געהאַלטן, איז געווען געמאַכט אין אַ גרויסער גרוב מיט רויע ווענט, אַ דריי הונדערט מעטער די לענג. דער בונקער איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ שטיקנדיקן ריח פון אַלקאָהאָל, מיט אַ דומפּיקן ריח פון ערד, מיט מאַכאָרקע־רויך.

דאָ זיינען געלעגן זעק און פעק מיט מלבושים, מיט שפּייז, קאַסטנס מיט געווער פון אַלערליי מינים און פּאַרוואַנודעטע.

די פאַרוואַונדעטע זיינען געלעגן אין לינקן פליגל, צווישן אַ הויפן זעק. זיי זיינען געלעגן אין אָנטאָן, אויסגעמישט אַלע אינאיינעם, פאַרבלוטיקטע און קויטיקע.

דער דאָקטאָר האָט געמוזט געבן אַ שבועה: „איך שווער, אַז כ׳וועל דינען דער אַרמיי פון סטעפּאַן באַנדערא, היילן די פאַרוואונ־דעטע, העלפן זיי צוריקשטעלן זיך אויף די פיס״.

און מען האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ ווייסן כאַלאַט.

צום דאָקטאָר האָט מען צוגעשטעלט דריי פּערזאָן, וועלכע זיינען, קאַנטיק, געווען די אָנפירער פון דער אָפּטיילונג: סלאַוועק, באָגדאַן און וואַסילי.

פאַרוואונדעטע האָבן זיך געמערט. געבראַכט האָט מען זיי אַהער פון אַנדערע פונקטן. זיי זיינען געקומען נאָך געשלעגן מיט די רוסישע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

די זעלבע דריי — סלאַוועק, באָגדאַן, וואַסילי—, אַ דריילינג מיט מעסערס אין די שטיוול, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן באַפעלן, גערעדט אין נאָמען פונעם „פירער״ סטעפּאַן באַנדערא, זיינען אויך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר באַשפּייזן אַט־די אָפּטיילונג.

צוליב דעם האָבן זיי אָרגאַניזירט אַקציעס — באַנאַכט געגאַנגען איבער די דערפער. דער פּויער, וואָס האָט ניט געוואָלט אונטערשטיצן די באַנדעראָווצעס, ניט געוואָלט אָוועקגעבן דאָס לעצטע ברויט זיינס, האָט זיך געדאַרפט געזעגענען מיטן לעבן. אין בעסטן פאַל איז זיין כאַטע אַוועק מיטן רויך . . .

אומקערנדיק זיך פון אַן אַקציע, האָבן די רויבער מיטגענומען מיט זיך אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען דאָ אין וואַלד. זיי פלעגן מיטשלעפּן מיט זיך פרויען און מענער, רוסן און יידן.

דאָס זיינען געווען יידן, פאַר וועלכע דער וואַלד איז געווען דאָס לעצטע שוץ־אָרט, די לעצטע רעטונג, — יידן אַנטלאָפענע פון לאַגער, געטאָס, גאַז־קאַמערן.

איינמאָל . . .

ווי אַזוי דר. קאַרל אַבראַמאָוו און זיין ווייב האָבן דערלעבט ביז יענעם טרויעריקן טאָג, איז פאַר אים אַליין אַ גרויס רעטעניש. עס איז געווען דער זעקסטער אָקטאָבער. ער האָט דעמאָלט פונקט דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע איבער אַ שווער־פאַרוואונדעטן, וועלכן מען האָט נאָרוואָס געבראַכט מיט אַ קויל אין רוקן. רחל, די קראַנקן־שוועסטער, איז געשטאַנען לעבן אים, דערלאַנגט אינסטרומענטן. פּלוצעם האָט זי זיך געלאָזט לויפן מיט אַ געשריי:

— ניין! שיסט ניט!

וועמען האָט זי עס דערזען צווישן די יידן, וועלכע די באַנדע האָט נאָרוואָס געבראַכט?

— שיסט ניט! שיסט ניט! — האָט רחל געשריען און געלאָפן ווייטער.

ווען ער איז אונטערגעקומען צו איר, איז שוין געווען שפּעט . . . זי איז געלעגן אויף אַ הויפן צווייגן . . . לעבן איר — אַ דערשאָסענער ייד מיט אַ געדיכטער באָרד . . . ס׳איז געווען רחלס ברודער. דער דאָקטאָר האָט אים דערקענט — די שוועסטער איז שטאַרק ענלעך געווען צו אים.

זי האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן, אָבער ניט געקאָנט. זי איז געבליבן שטיין אויף אַ קני, פאַרריסן דעם קאָפּ און אַריינגעשריען אין פּנים פון דעם באַנדיט מיטן רעוואָלווער:

מערדער! . . . איך האָב דיך געהיילט . . .

און איז אומגעפאַלן.

* * *

דער דאָקטאָר האָט אויפגעהויבן פונעם דיל די פאָטאָגראַפיע, זי אַריינגעלייגט אין ביכל און עס צוריק אוועקגעשטעלט אויף דער פּאָליצע.

דאַן האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

ס׳איז געווען שוין צוויי.

און דווקא היינט מוז עד זיין אין שפּיטאָל, דורכפירן אַ דרינגנדיקע אָפּעראַציע.

אָבער פאַר איין וועג וועט ער אַריינגיין אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, — האָט ער געטראַכט.

דר. קאַרל אַבראַמאָוו האָט זיך געלאָזט צו דעם נאָענטסטן פּאָליציי-באַצירק, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ רויט הויז. פיר גרויסע שטיינערנע טרעפּ האָבן געפירט פון דער גאַס אין קאָרידאָר אַריין.

אינווייניק, אין קאָרידאָר, האָט אים אַ דעזשורנע אַריינגעפירט אין צימער נומער פערצן.

דר. אַבראַמאָוו איז געבליבן זיצן לעבן אַ מאַן אין אַ ציווילן אנצוג. עס איז געווען אַ יונגער פּאָליציי-מאַן, אַ רואיקער, מיט אַ גלאַט, סימפּאַטיש פּנים, מיט קלוגע, דורכדרינגלעכע אויגן, וואָס האָבן פון צייט-צו-צייט פאַרשנדיק געקוקט אויף אים.

— אייער נאָמען?

— דר. קאַרל אַבראַמאָוו.

— איר זאָגט, אַז מען האָט אייך געדראָט . . . דערציילט אַלץ, ווי עס איז געווען, פּינקטלעך . . .

און דער דאָקטאָר האָט דערציילט . . .

— ווי קומט צו אייך דער נאָמען, וועלכן איר רופט אָן, דער פרעמדער נאָמען פּלאַטאָוו?

דער דאָקטאָר האָט דאָס ערשטע מאָל יענעם טאָג אין זיך אַ שמייכל-געטאָן. ווען ניט אָט-דער נאָמען, וואָלט ער איצט דאָ ניט געזעסן, ער וואָלט שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען.

— ס'איז געווען מלחמה. דער דייטש, ווי איר ווייסט, האָט אומגעבראַכט יידן.

ער האָט דערציילט קורץ, קלאָר די שרעקלעכע געשיכטע; אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַלד. דאָס, וואָס דער היינטיקער גאַסט האָט אָנגערופן דעם נאָמען פּלאַטאָוו, איז אַ סימן, אַז דער מענטש איז אַליין פון די באַנדעראָווצעס, וועלכע האָבן אים, דעם דאָקטאָר, פאַר-

כאַפּט און אים פאַרשלעפּט אין וואַלד, געצוואונגען צו היילן די מערדער.

דער פּאָליציי־מאַן האָט זיך צוגעהערט צום געליטענעם און נאָך אַ פּויזע זיך אָנגערופן:

— מען קען גאָרנישט ניט טאָן. עס איז ניטאָ אַזאַ געזעץ, מיר זאָלן אים קאָנען משפּט׳ן. אויב ער איז אַפילו אַזאַ, ווי איר שילדערט אים, ווי איר שילדערט זיינע פאַרברעכנס בעת דער מלחמה. מען קאָן אים ניט אַרעסטירן און ניט אַרויסשיקן פון קאַנאַדע, ניט אָפּשיקן צוריק קיין אוקראַאינע, וואו עס דערוואַרט אים דאָרט, ווי אַ מאַן, וואָס האָט אויפן געוויסן אומשולדיקע לעבנס, אַ משפט. מ׳קאָן דעם פאַרשוין צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט בלויז פאַר טראָגן געווער, פאַר דעם, וואָס ער באַדראָט דאָס לעבן פון מענטשן . . . נאָר פריער מוז מען אים געפינען . . . אָבער דאָס לאָזט שוין צו אונדז!

דעם דאָקטאָר איז עפּעס קלאָר געוואָרן, אָבער ניט אַלץ. וואָס הייסט עס? פאַרוואָס איז ניטאָ קיין געזעץ קעגן אַ פאַרברעכער? . . .

אַרויסגייענדיק פון פּאָליציי־הויז, האָט דער דאָקטאָר געהאַט דאָס געפיל פון אַ מענטשן, וואָס גייט אויף אַ גליטשיקער גאַס, וואו ער מוז זיך אָן עפּעס אָנשפּאַרן, אין עמיצן זיך אָנהאַלטן, אָבער אין זיין געדאַנק האָט ער איצט גאָרנישט ניט געקאָנט געפינען אויסער זיין פאַרגאַנגענהייט.

ער האָט זיך געלאָזט צום שפּיטאָל מיטן קירצסטן וועג.

★ ★ ★

אויפן ראָג פון דער ברייטער עוועניו און דעם קיילעכדיקן סקווער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַ דעם שטיינערנעם דענקמאָל די קאַנאַדער סאָלדאַטן, וואָס זיינען געפאַלן אין שלאַכט בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה.

דאָ האָט דער דאָקטאָר זיך ווידער דערזען צווישן פאַרוואונדעטע. אָט גייט ער אַרום פון איינעם צום אַנדערן. לעבן אים גייט רחל מיט דעם מעדיצינישן רענצל אין האַנט. איר פּנים איז טונקל, שטייף, אָנגעצויגן, ווי זי וואָלט געטראָגן אַ מאַסקע. זי שווייגט. בײַנאַכט, ווען

די באַנדעראָווצעס האָבן זיי געפירט אין וואַלד, האָט זי שטיל געזאָגט:

— זיי ווייסן, זיי ווייסן, אַז דו ביסט אַ ייד . . . זיי האָבן געוואוסט און האָבן ניט קיין אַנדער ברירה. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן דאָקטאָר. מען האָט זיך געגויטיקט אין דיר, אין אַ כירורג. ווען זיי וועלן דיך מער ניט דאַרפן, וועלן זיי דיך אומברענגען, דיך און מיך אויך".

זי האָט געפילט דעם אָנקום פון טויט . . .

★ ★ ★

— דאָקטאָר, ראַטעוועט! — האָט אויסגעשריען אַ פרוי, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין שפּיטאָל.

ער האָט דערזען די פרוי פונעם קראַנקן סיימאָן, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר פון אָפּעראַציע־זאַל. היינט וועט ער אָפּערירן איר מאַן.

שפּעטער מיט עטלעכע שעה, ווען די אָפּעראַציע איז פאַרענדיקט געווען, האָט ער אָפּגעזוכט די פרוי סיימאָן:

— ער וועט לעבן, אייער מאַן, יאָ מען קאָן לעבן אפילו מיט איין לונג. דער קאַנסער איז באַזייטיקט.

ער האָט זיך געפילט מיד, אויסגעשעפּט און געטראַכט וועגן דער געלונגענער אָפּעראַציע, וועגן דער פאַסקודנער קרענק.

נאָר די געדאַנקען האָבן אים געפירט ווייטער. ער האָט געטראַכט: ס'איז פאַראַן אַן ערגערע קרענק וואָס מאָרדעט אויס פיל מער מענטשן . . . אָט וויל מען אים איצט הרגענען . . . אָט האָט מען זיך אַרייַנגעריסן אין זיין צימער און געוואָלט צונעמען זיין לעבן. יאָ, איך בין דר. אַנדרעי פלאַטאָוו . . . איך בין דער זעלבער פלאַטאָוו . . . דער זעלבער פלאַטאָוו, פון וועמען איר האָט אָוועקגעריסן, דערמאָרדעט רחלען . . . איר ברודער, אַנדערע יידן.

דווקא דעמאָלט, ווען דער מענטש האָט פאַרלוירן דעם ווילן צום לעבן, געלינגט אים זיך ראַטעווען.

נו, איז וואָס, אַז אים איז געלונגען? אַז ער איז נאָכן טויט פון

רחלען אַנטלאָפן? איז וואָס זאָל ער, דר. קאַרל אַבראַמאָוו, טאָן מיטן לעבן?

ער האָט געלעבט ווי אַ חיה אין וואַלד. געוואַרט אויף דער ערשטער געלעגנהייט.

און ווי נאָר עס האָט אין לעמבערג זיך באַוויזן די אַרמיי פון מזרח, די רוסישע אַרמיי, איז ער באַלד אַוועק אין שטאָב.

אין שטאָב האָט ער דערציילט אַלץ, — דערציילט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, וועגן די באַנדעראָווצעס, וועגן בונקער.

ער האָט געשילדערט, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, אַלץ וואָס ער האָט געזען. אָנגערופן די נעמען פון די, וועלכע ער האָט געדענקט.

מיט דריי וואָכן שפּעטער, אין אַ סעפּטעמבער-טאָג פון 1944, איז אין לעמבערג פאָרגעקומען אַ משפט איבער דעם דריילינג: סלאַוועק, באַגדאַן און וואַסילי.

אויפן משפט זיינען אויסגערופן געוואָרן הונדערטער נעמען פון מענטשן, אומשולדיקע קרבנות, וועמען זיי האָבן דערמאָרדעט. צווישן זיי — זיין ווייב רחל.

זיי, די מערדער, זיינען געוואָרן פאַרמשפט . . .

אָבער דאָס זיינען נאָר געווען דריי מערדער. און וואו זיינען די איבעריקע באַנדיטן? וואוהין זיינען זיי אַנטלאָפן? וואו באַהאַלטן זיי זיך אויס? . . .

★ ★ ★

דער דאָקטאָר האָט זיך איצט געפונען אויפן וועג פון שפּיטאָל צו זיך אַהיים. ער איז געגאַנגען מיט שווערע, מידע טריט. געפילט, ווי אַ ווינט נעמט דורך זיין קערפּער. אַ ווינט, אַ קאַלטער, אַ האַרבסטיקער, אַ בייסיק-שניידנדיקער האָט געבלאָזן אויף דער גאַס, אַראָפּגעריסן פאַר־טריקנטע בלעטער פון דיביימער. אַט וואַלגערן זיי זיך אונטער די פיס אויפן טראָטואַר. דער ווינט האָט זיך פאַרשטאַרקט, אונטערגע־כאַפּט זיינע פאָלעס, און ווי ער זאָל זיך ניט איינהילן אין מאַנטל, פאַרשפּיליען די קנעפּ, קאָן ער זיך פאָרט ניט דערוואַרעמען.

דער ווינט האָט זיך אויך אַריינגעריסן אין זיין וואוינונג אויף

דער ריוועו גאַס. ער האָט געקלאַפּט אין זיין פענצטער, אין דער טיר, דורך אַלע שפּאַרונעס איז אַריינגעדרונגען אַ קעלט. אויך אין שטוב האָט ער ניט געקאָנט זיך דערוואַרעמען.

. . . אפשר איז עס ניט בלויז דער ווינט?

און ער שטעלט זיך אַליין דעם דיאַגנאָז — ס׳איז די רעאַקציע נאָכן שווערן טאָג . . .

ער האָט זיך געפּלייסט עפּעס צו טאָן.

ס׳האָט אַ קלונג-געטאָן דער טעלעפאָן.

ער הויבט זיך אויף פון טיש, לאָזט שטיין דאָס נאַרוואַס אויפגע-קאָכטע טעפּל קאַפע.

און ווי נאָר ער נעמט דאָס טעלעפאָן טרייבל, אַזוי לאָזט ער עס צוריק אַראָפּ.

דאָס האָט מען אים ווידער געפרעגט, ווידער געדראָט . . .

ער האָט געמאַכט אַ טראָט צו דער מיט פון צימער. זיך פאַר-טראַכט און אַנגעקלונגען אין פּאָליציי.

דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר האָט אים פאַרזיכערט, אַז באַלד שיקט ער אַרוים אַ מענטש, וואָס וועט באַשיצן זיין טיר.

דער דאָקטאָר האָט זיך ווי בארואיקט און זיך צוגעלייגט שלאָפן.

אָבער עס איז געווען אַ שלאָף פול מיט קאָשמאַרן, מיט שווערע חלומות, פון וועלכע ער איז באַגאָסן געוואָרן מיט שווייס, — אַ שלאָף, פונקט ווי אין יענע טעג, ווען דער טויט האָט זיך געיאָגט נאָך אים. ס׳איז, ווי די מלחמה וואָלט זיך פאַר אים ניט געענדיקט.



דער לעצטער באַזוך

אין אַ הויז אויף דער פּאַרק־גאַס, וואו ס'וואוינען מערסטנס אַנגעפּאָרענע פון אייראָפּע, זיינען די שכנים, ווי אין די אַלע איבעריקע הייזער, ביז גאָר פאַרשידענע. נאָר ווי פאַרשידן מען זאָל ניט זיין, ווייסט מען אַ סך איינער פונעם אַנדערן. מען ווייסט, למשל, אַז אויפן

ערשטן שטאָק, גלייך אין פראָנט־טיר, וואוינט דזשים וואָלאָס, אַ שלאָסער. דאָס ווייב זיינס, אַ געבוירענע אין קאַנאַדע, איז פון אים אַנטלאָפן, ווייל ער פאַרדינט ווייניק. אין דער צווייטער טיר, מיטן רויטן פאַרהענגל אויף דער שויב, וואוינט די דיקע זשאָזעפינאַ, וואָס איז געקומען אַהער פון מילאַן און טראָגט נאָך אַלץ אויף זיך דאָס איטאַליענישע בונטע קלייד. זי זינגט אָפט, אַמאָל אַ גאַנצע אָפּעראַ, אויף אויסנווייניק, פאַרהילכט מיט איר הייזעריקער שטים דאָס הויז.

אויפן צווייטן שטאָק וואוינט דער ייד יעקב וואַגנער, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ „נומער" אויף דער האַנט — אַ ירושה פון אַשוויענטשימער לאַגער. כמעט יעדן אָוונט זיצט ער און שרייבט. ער האָט קיינעם ניט, די גאַנצע משפּחה זיינע איז אומגעקומען, ווייל ער כאַטש פאַרשרייבן די גרויליקע צייט פון היטלער־דייטשלאַנד.

אַנטקעגן איבער לעבט דער מענטש, וועמען מען רופט „פראַנ־צויז". ער מאָלט. „דער פראַנצויז" האָט שוין אָפּגעמאָלט אַלע היסטאָרישע געביידעס אין דער געגנט און דרייט זיך אַלץ אַרום אַ הונגעריקער.

אויפן דריטן שטאָק וואוינט די פרוי מאַלי, וואָס דערציילט אַלע שכנים, אַז דער מאַן איז פון איר אַוועק. אין דער אמתן האָט זי גאָר קיינמאָל ניט חתונה געהאַט! מען זעט זי שטענדיק נאַשן, קיינער ווייסט ניט, פון וואָס זי לעבט, מיט וואָס זי באַשעפטיקט זיך.

אין דער לעצטער שטוב, הינטערן דאַך, וואוינט דער דייטש האַנס שטרייך. דאָס איז אַן אַלטער מאַן מיט אַ געדונצלט, געל, צעקנייטשט פּנים.

יעדן זונטיק באַווייזט זיך אין הויז אַ יונג שיין מיידל. זי גייט שנעל אַדורך דעם קאָרידאָר, הויבט זיך אויף אויף די טרעפּ און פאַרשווינדט אויבן, אויפן לעצטן שטאָק, אין דער דירה פונעם דייטש. די שכנים וואונדערן זיך: ווי קומט עס צו אַזאַ אַלטן מאַן אַזאַ שיינע, יונגע געליבטע? דער אַלטער, טראַכט מען, מוז האָבן געלט. אַ פאַרבאָרגענער נגיד. און מיט געלט קויפט מען זיך די וועלט.

דאָס מיידל פלעגט קומען אין אַ באַשטימטער שעה און אויך אין

אַ באַשטימטער שעה אַוועקגיין. אירע טריט פלעגן אָפּהילכן אין די אויערן פון אַלע שכנים. דאָס אַלטע הויז פלעגט אין דעם מאָמענט ווי אויפלעבן.

אַזוי איז עס געווען ביז איצט, דעם לעצטן זונטיק.

היינט האָט דאָס מיידל זיך אויך באַוויזן. אָבער באַלד ווי זי איז אַרויף אויף די טרעפּ, האָט זי זיך אומגעקערט צוריק. איר פּנים איז געווען בלייך, דערשראָקן.

זי האָט גענומען זוכן דעם טעלעפאָן אין קאָרידאָר. אין הויז איז געוואָרן אומרואיק.

מיט פינף מינוט שפּעטער האָט אין קאָרידאָר זיך באַוויזן אַ דאָקטאָר. דאָס מיידל איז אַנטקעגנגעלאָפן.

די שכנים האָבן שוין מער נישט געקאָנט פאַרבאָרגן די נייגערי־קייט. וואָס טוט זיך דאָרט אויבן? און אַלע מיטאַמאָל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַרויף, צו דער דירה, וואָס אונטערן סאַמע דאַך.

און זיי האָבן דערזען: די טיר ביים אַלטן האַנס שטרייך איז אָפן. ער, דער אַלטער, ליגט אויסגעצויגן אויפן דיל. דאָס גערונצלטע, געקניטשטע פּנים זיינס איז ווייס. נעבן אים, האָט מען באַמערקט, ליגט אַן אויסגעליידיקט פלעשעלע . . .

— וואָס איז דאָס?

דער דאָקטאָר האָט אים געטאַפּט דעם דופק. און צום סוף האָט האַנס צוגעשלאָסן די אויגן.

★ ★ ★

ווען דאָס מיידל איז געבליבן אַליין, האָט זי אָנגעהויבן זוכן צווישן די זאַכן. זי האָט באַמערקט אין שופלאָד פון טיש אַ טאָגבוך.

אויף אַ רגע האָט זי זיך פאַרטראַכט, מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שוויים פון פּנים און מעכאַניש גענומען מישן דאָס טאָגבוך, גע־כאַפּט עטלעכע ווערטער פון איין זייטל, פון אַ צווייטס.

„יוני 7, 1929.

מיר איז געוואָרן צוואַנציק יאָר. היינט איז אויך די גרעסטע פרייד מיינע. כ׳בין אַריינגעטראָטן אין דער דייטשער אַרמיי.

היינט איז דער ערשטער טאָג, ווען כ׳בין געוואָרן אַן עכטער מאַנצביל . . . ״.

„מערץ 31, 1933.

מיין פּאַרטיי האָט, ענדלעך, איבערגענומען די מאַכט. דייטש־לאַנד טריאומפירט, דייטשלאַנד מוז זיין דאָס גרעסטע לאַנד אין דער וועלט״.

„אויגוסט 5, 1934.

היינט האָב איך חתונה געהאַט. מיין פרוי איז אַ ריינע אַריערן, פּונקט ווי איך. ריין בלוט.

„יוני 6, 1938.

באַקומען דעם ערשטן ראַנג.

בערטאַ איז קעגן מיין קאַריערע אין דער אַרמיי. נאָר מיט איר וועל איך דורכקומען״.

„פעברואַר 14, 1939.

בערטאַ האָט מיר געבוירן אַ טעכטערל, מירן זי אָנרופן מאַריע. צום אָנדענק פון מיין מוטער״.

„סעפּטעמבער 1, 1939.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג קעגן פּוילן. בערטאַ האַלט, אַז דייטשלאַנד גייט ניט מיט אַ ריכטיקן וועג. אַ חוצפּה!״.

„יולי 4, 1940.

דער קאָנפליקט מיט בערטאַן איז אומדערטרעגלעך. זי גוואַלדע־וועט, אַז מען דאַרף ראַטעווען דייטשלאַנד, שאַפן אַ נייע רעגירונג. איך וועל ניט האָבן קעגן, אויב מען וועט זי אַרעסטירן . . . ״.

מאַריע האָט אַ שליידער געטאָן פון זיך דאָס טאָגבוך, אָבער באַלד עס צוריק אויפגעהויבן.

„אויגוסט 14, 1940.

בערטאַ איז אַרעסטירט . . . זאָל נאָר די טאָכטער זיך דערפון ניט דערוויסן. אפילו אין געשטאַפּאָ האָט זי אויסגעשריגן דאָס זעלבע: דייטשלאַנד גייט אויף אַ פאַרברעכערישן וועג!״.

„אקטאבער 10, 1940.
זי איז געווען א שיינע בערטא . . . איך האב באשטימט דאס קינד אין א רעגירונגס-אנשטאלט, וואו עס וועט באקומען א גוטע דערציאונג, ניט ווי ביי דער מוטער.
אויף אלע פראנטן גייט די דייטשישע ארמיי פאראויס".

„יולי 4, 1942.
היינט איז מיר געגעבן געווארן דער ראנג פון מאיאר. איך בין אויך באשטימט אויף א העכערן פאסטן — אלס לאגער-פירער פון „זעמלינא". מארגן פאר איך אהין . . .".

„סעפטעמבער, 12, 1942.
דעם לאגער האט באזוכט הער אייכמאן. ער האט געהעכערט די נארמע: ניט פיר, נאר זעקס טויזנט טעגלעך.
ס'איז אפילו ניט אזוי לייכט, נאר ס'איז דאך מלחמה-צייט".

„פעברואר 2, 1944.
דער פירער האט דערקלערט טרויער - טעג. מיר האבן ביי דער וואלגע פארלוירן די בעסטע צוויי און צוואנציק דיוויזיעס. צום טייוול!".

„יוני 30, 1945.
חורבות . . . היינט בין איך מיט א פאלשן פאס און מיט אן „אי-בערגעמאכט" פנים געקומען אין מיין שטאט, קיין בערלין.
ביי מאריען זיינען די זעלבע אויגן, ווי ביי איר מוטער. זי זאל נאר זיך ניט דערוויסן . . .".
„סעפטעמבער 8, 1945.
איך מוז אנטלויפן. מען זוכט מיך . . .".
„אפריל 5, 1947.
מען האט מיך ווידער געזוכט . . . מיין נאמען איז געווען אין אן אויסלענדישער צייטונג. מען זוכט דעם הער בירקענהאוער . . . "
„נאוועמבער 9, 1950.
אויך די טאכטעד מיינע, די איינציקע טאכטער וואס מיר איז פארבליבן אין לעבן, מאכט מיר ניט לייכטער. גאר פארקערט! . . .

הלוואי וואָלט זי אויסגעמיטן די באַזוכן אין די זונטיקס. כ׳קאָן זיך פאַר איר ניט אָנטפּלעקן".

„יאַנואַר 10, 1951.

איך האָב אָנגעהויבן טרינקען אַ רפואה, וואָס באַרואיקט דאָס האַרץ, די נערוון . . . ".

„אויגוסט 2, 1956.

טראָפּנס. יעדן טאָג טראָפּנס".

מאַריע האָט צוריק אַוועקגעלייגט אין טישקעסטל דאָס טאָגבוך

זי האָט צעעפנט דאָס פענצטער.

אין הויז איז געווען שטיל.



די פּראַקטישע פרוי

אין שטוב איז אַזוי ענג און דושנע, אַז עס איז ממש נישט מעגלעך צו אָטעמען. דורכן איינציקן פענצטערל, אונטערן דאַך, גרייכט קוים אַריין די פרימאָרגן זון.

מערי איז אַראָפּ פון בעט. איר פּנים איז פאַרזאָרגט. ס'איז די

זאָרג די טאָג-טעגלעכע, ווי אַזוי אויסצוקומען מיט דער פּרנסה.

בעת זי דערלאַנגט דעם מאַן דאָס טעפּל קאַפע צום טיש, קאָן זי זיך נישט איינהאַלטן:

— וואָס וועט זיין, אַרנאָלד? ווי לאַנג קאָן מען אַזוי לעבן אָן געלט? נעכטן האָב איך אויסגעגעבן דעם לעצטן דאָלאַר, געבראַכט אַ היים אַט-דאָס ביסל שפּייז . . . עס איז נישט קיין תּכלית אַזוי צו לעבן . . . גיי און זוך זיך אויס אַן אַרבעט, פון וועלכער זאָלסט קאָנען פאַרדינען . . .

עס איז איר לייכטער געוואָרן, מערין, און זי האָט זיך פון אים אָפּגעקערט, אָנגעהויבן אויפצוראַמען די שטוב, צוגענומען פונעם דיל די פּענדזלען און די פאַרבן, מיט וועלכע איר מאַן האָט נעכטן געאַר-בעט, אַ, ווער ווייסט ווי שפּעט אין דער נאַכט . . .

די שטוב אויפגעראַמט, האָט זי זיך אויך אָנגעגאָסן אַ טעפּל קאַפע.

— וואָס פאַר אַן אַרבעט, דענקסטו, זאָל איך גיין זוכן, מערי?

זי ענטפערט נישט . . .

עס שטיקט אים דער ביסן אין מויל . . . רוקט אָפּ פון זיך דאָס טעפּל מיט דער ניט-דערטרונקענער קאַפע, ציט אַרויף אויף זיך דאָס רעקל מיט די לעדערנע עלנבויגנס און פאַרלאָזט די שטוב.

★ ★ ★

אויפן גאַס איז אַרנאָלד געלאָפן. עס איז אים געווען ניט גוט . . . ער האָט ליב געהאַט זיך צו זען איינער אַליין, אָן מערין . . . אין געדאַנק זיך אַלץ אינאיינעם געבייזערט:

— איינגנטלעך, וואָס וויל זי פון מיר?! זי האָט דאָך, איידער זי האָט חתונה-געהאַט, געוואוסט אַלץ פריער . . . און דווקא געוואָלט האָבן אַ מאַן אַ מאָלער! און געוואוסט, אַז אַ מאָלער, אין אַזאַ צייט ווי איצט, ראַנגלט זיך מיט דער פּרנסה, ווי מיטן טויט! . . . ווער דאַרף אים האָבן? קיינער נישט! . . . קינסטלער וואַנדערן אויס פון לאַנד, זוכן זיך ערגעץ אַנדערש פּרנסה . . .

— וואָלט ער געווען אַ שניידער, אָדער אַ שוסטער, אַ, דעמאָלט

וואָלט אַנדערש געווען . . . אויך אים גופא וואָלט בעסער געווען . . . איצט וואוהין זאָל ער גיין? וואוהין? . . .

ער איז געלאָפן, אַרנאָלד, מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אויסגעמיטן די בליקן פון די דורכגייער. כאָטש דער דרויסן איז געווען אַ לויטערער, אַ גאָלדענער, האָט ער די שיינקייט איצט נישט געזען, נישט באַמערקט . . .

אָנגעקומען אַזוי צום דאַון-טאַון, צום האַנדל-צענטער מיט די רווישיקע שוי-פענצטער, איז ער געלאָפן נאָך גיכער, אין אַן אַנדער ריכטונג, געזוכט שטילקייט.

שפּעטער האָט ער זיך פאַרקערעוועט אויף רעכטס און זיך דערזען אויף דער דזשעראַרד-גאַס.

ס'איז דער „גרינוויטש ווילעדזש" — אַ גאַס אַן אַלטע, מיט נידעריקע, געלאַטעטע הייזקעס, אָבער דאָ אויף דער גאַס זעען זיך בילדער. עס הענגען אין די פענצטער די בילדער פון די קינסטלער. דאָ גיט מען אַוועק די בילדער צו די באַלעבאַטים פון די קונסט-גאַלעריעס, וועלכע בינדן דיר צו דעם קאָפּ . . . דאָ איז די קונסט-גאַלעריע „פּרינץ", דאָס איז די קונסט-גאַלעריע „האַמלעט", וואו עס הענגט זיין בילד.

שוין לאַנג נישט פאַרקויפט קיין בילד, ער געדענקט שוין נישט די צייט . . .

דאָ דרייען זיך אויך אַרום די „ביטניקס", מיט די בערד און לאַנגע פאַרוואַקסענע האָר, ווי נזירים. ער גייט פון איין פענצטער צום צווייטען. שטיין געבליבן פאַר אַ הייזקע, מיטן אויפשריפט, אַז אין איר האָט אַמאָל געלעבט דער באַרימטער שרייבער ערנעסט העמינגוועי. געלעבט ווי איצט ער, אַרנאָלד גופא. געוואוינט האָט ער דאַן אין אַטדער דעמאָלט שוין אַלטער כאַטע, וועלכע אַט-אַט, דוכט זיך, האַלט זי ביים איינפאַלן . . . הינטער אַט-דער איינגעבויגענער וואַנט מיט דער צעבראָכענער טיר, וואוינט דער שרייבער גוטמאַן, וועלכער מאַכט אַ לעבן פון זיצן ביי דער ניי-מאַשין און לאַטען הויזן. דערנעבן שטעלט זיך אַוועק אַ פרוי אַ קינסטלערין און מאָלט טאַקע דאָס אַלטע הויז.

ער גייט ווייטער, שטעלט זיך אוועק ביי א סקולפּטור — אַן „אינ־דיאַנער", דער ערשטער בירגער אין קאַנאַדע, ביי וועמען מען האָט אוועקגענומען מיט גוואַלד זיין ערד. די גאַס איז אַזוי שמאָל, דער טראָטואַר אַזוי אויסברוקירט, ווי אַמאָל א געסל אין מיטלאַלטער.

ווי ער שטייט אַזוי ביי א פענצטער, מיט די אויגן אויף א בילד, דערפילט ער פּלוצעם א האַנט אויפן אַקסל.

אַרנאַלד האָט זיך אומגעקוקערט און זיין פּנים, וואָס איז פריער געווען אָנגעצויגן, האָט זיך גאָר צעשמייכלט . . .

דאָס האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיינעם אַן אַלטן פריינט הערבערט קוק. דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַן, אָנגעלענט אויף שטעקן. גע־טראָגן האָט ער א ווייסע באָרד, א טונקעלן אַנצוג פון דיקן שטאָף, סיי ווינטער און סיי זומער.

— אַז זיך שוין יאָ געטראָפן, אַרנאַלד, איז קום אוועק אין א זייט כאַפּן א שמועס.

דער אַלטער האָט פאַררויכערט, געפרעגט:

— וואָס הערט מען מיט דיין מאָלן?

— איך מאָל. אָבער עס איז שווער . . . — ענטפערט אַרנאַלד און באַטראַכט דעם אַלטן, וואָס איז געווען טאַקע זיין ערשטער לערער פון קונסט. באַקאַנט איז טאַקע דער אַלטער הערבערט קוק צווישן די קינסטלער. א חוץ זיינע לעקציעס אין די זאַלן פון די אוניווערסיטעטן, דערשיינען אויך אָפטלעך זיינע אַרטיקלען וועגן קונסט. ווען עס אָר־גאַניזירט זיך אַן אויסשטעלונג אין שטאָט, וועט מען עס נישט טאָן אָן אים. ווען א רייכער מאַן באַשטימט אַמאָל צו קויפן גאָר א טייער בילד, וועט ער זיכער פרעגן פריער זיין, הערבערט קוקס, מבינות . . .

— און וואָס מכוח אַן אויסשטעלונג, אַרנאַלד?

עס וואָלט טאַקע געווען די העכסטע צייט, נאָר איך קאָן זיך נישט דערלויבן, יעדער זאַל איז פאַרבונדן מיט א סך געלט . . .

דער אַלטער האָט אָנגעפילט זיין ליולקע, זיך פאַרטראַכט. פּלוצעם דערמאָנט ער זיך עפּעס און רופט זיך אָן:

— הער, אַרנאַלד, כ'האָב פאַר דיר א שטיקל אַרבעט, דוכט זיך.

ערשט נעכטן האָט זיך צו מיר געוואָנדן אַ מאַן פון דער שטאָט, אַ גביר, אַז ער וויל אַ בילד. אַ בילד פון דער קעניגין עליזאַבעט. אַזוי ווי זי קומט אַהער קיין טאָראָנטאָ אויף אַ באַזוך אין קומענדיקן חודש, וויל ער אַ בילד פון איר אין זיין שטאָט. ס׳איז אַן איינפאַל! און ער וועט גוט באַצאָלן, ער קאָן זיך דערלויבן . . . געוואָנדן האָט ער זיך צו מיר, ווייל ער קען נישט קיינעם פון די קינסטלער, ער האָט מורא אַז ער וועט קריגן אַ שלעכטן קינסטלער. האָב איך אים פאַרזיכערט אַז כ׳וועל אים שיקן אַ מענטש מיט טאַלאַנט . . . ווי מיינסטו?

די לעצטע ווערטער פון אַלטן זיינען געווען פאַר אַרנאָלד׳ן אַ דער־מוטיקונג. . . .

ער האָט אים באַדאַנקט און גענומען דעם אַדרעס.

2

מיטן אַדרעס אין דער האַנט, איז אַרנאָלד איצט מער ווי גע־לאָפן . . .

מיט פינף מינוט שפּעטער איז אַרנאָלד שוין געשטאַנען נעבן אַ שפּאָגל נייער ביזנעס געביידע. די ווענט, אַנטקעגן דער זון, האָבן אַ פינקל געטאָן ווי אַ בעכער וויין.

אין קאָרידאָר איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ מיידל:

— וועמען דאַרפט איר?

— דעם הער דזשולי בולאַן!

— אים גופא?!

— יאָ, ענטפערט אַרנאָלד.

— אייער נאָמען? — פרעגט זי.

האָט ער איר געזאָגט דעם נאָמען, אויך דערמאָנט העכבערט קוקן, וועלכער האָט אים צום הער דזשולי בולאַן רעקאָמענדירט.

מיט די נעמען, וועלכע זי האָט אויפגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, איז זי פאַרשוואונדן. אירע דראָבנע טריט אין קאָרידאָר האָבן זיך צעשאָטן ווי שנירלעך פּערל.

באַלד איז זי געווען צוריק און געבעטן אים מיטגיין. זי האָט

געעפנט אַ טיר און ער איז אַריין צום הער דזשולי בולאַן אין אָפיס.

ס׳איז געווען אַ פיין מעבלירט צימער, מיט אַ לאַנגן טעפּיך אויפן דיל. פאַרנט, אויף אַ שטול, איז געזעסן אַ מאַן, קאַנטיק דזשולי בולאַן אַליין, מיט די פיס אויף אַ טיש.

— זיצט!

בשעת מעשה האָט אַרנאָלד באַמערקט אויפן וואַנט עטלעכע בילדער. איין בילד האָט פאַרגעשטעלט אַ מיליטער-מאַן. דאָס צווייטע בילד — אַ פרוי, נאַקעט, מיט אַ שפּיציק, אָפן ברוסטל, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ זונה. געמאָלן איז עס זייער שלעכט, אַזוי, אַז עס האָט נישט די ווערט צו הענגען פאַר די אויגן פון אַ מענטשן. אויפן בילד איז געווען אָנגעשריבן די ווערטער „די קעניגין פון אַלע שיינ-קייטן״.

דערזעענדיק דאָס, האָט אַרנאָלד זיך געפרעגט, צי דער מאַן איז אַ מבין אויף קונסט . . . און זיך ממש דערשראָקן . . . דערשראָקן זיך, אַז ער זאָל אַמאָל נאָר נישט, נאָכדעם ווי ער וועט האָבן אויס-געמאָלט זיין בילד די קעניגין, ניט אויפהענגען איר נעבן אָט „די קע-ניגין פון אַלע שיינקייטן״ . . .

מיט דער רעקאָמענדאַציע פון אַלטן באַקאַנטן הערבערט קוק, האָט אַרנאָלד נישט באַדאַרפט אַ סך צו רעדן.

דזשולי בולאַן האָט בא אים באַשטעלט דאָס בילד און געגעבן אים האַנט-געלט.

— מאָלט מיר אַ שיין בילד, אַן אמת קונסט-שטיק. מיטן פּרייז וועלן מיר דורכקומען . . . און אָנעקלונגען נאָכן מיידל, אַז זי זאָל אים עפענען די טיר.

3

אַרנאָלד איז פון אָפיס-צימער אַוועק גלייך אַהיים.

אומגעקערט אין שטוב האָט ער זיך אין אַ בעסערער שטימונג.

— מערי, מערי, וואו ביסטו! — רופט ער אוים אויף אַ הויכן קול ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר. — מערי, אָט האָב איך אַ באַשטעלונג

אויף אַ בילד. אַ רייכער מאַן האָט עס באַשטעלט. אַ בילד, אַזאַ, פאַר וועלכן כ'וועל באַקומען גוט באַצאָלט . . . יאָ, זאָג איך דיר, אמת! אָט איז האַנט־געלט.

און ער האָט איר געגעבן דאָס געלט.

אין אונטן האָט דאָס פאַרפאַלק איינגעלאַדן אין שטוב פריינט, עטלעכע קינסטלער. אַרנאָלד האָט זיך בּאַראָטן, געוואָלט זיך קלאָר מאַכן, וואו צו מאָלן דאָס בילד, בעת די קעניגין וועט אָנקומען קיין טאָראָנטאָ?

טעג זיינען אַוועק.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג, אויף וועלכן אַרנאָלד האָט גע־וואַרט.

ס'איז געווען אַ טאָג אַ שיינער, פון מיטן זומער.

אַרנאָלד, נאָכן פרישטיק, האָט גענומען זיינע מכשירים און איז אַוועק אויפן פריער דורך אים צוגעגרייטן אָרט. ס'איז געווען אַ באַלקאָן פון דער געביידע, וואָס שטייט גלייך קעגנאיבער דעם סיטי־האָל, דאָ וואו די קעניגין וועט אָנקומען.

ער האָט אויסגעשטעלט די פאַרבן, אויפגעהאַנגען די לייוונט אויפן הענגער, און גענומען וואַרטן, ווענדנדיק זיינע אויגן גלייך אַראָפּ צום אָפענעם סקווער, וואו עס הויבן זיך אָן זאַמלען די פּני פון דער שטאָט.

ווי נאָר די קעניגין איז אָנגעקומען, האָט אַרנאָלד גלייך גענומען מאָלן, ציען פאַרבן, שטריך נאָך שטריך. ער האָט געמאָלן גיך, דערבײַ זיך באַמיט צו זען די קעניגין אַזוי, אַז אירע אײדעלע, פיינע שטריכן זאָלן זיין אויסגעדריקט אויף זיין בילד. בעתן מאָלן אויפגעהויבן אויף אַ רגע די האַנט מיטן פענדזל אין דער לופטן בעת די קעניגין האָט זיך אומגעקערט און באַגריסט מיטן „מאיאָר" און דאַן ווייטער געצויגן שטריכן.

דערנאָך האָט אַרנאָלד אַ כאַפּ־געטאָן דאָס בילד אין זיין האַנט און געלאָזט זיך — אַ גיכער, אַ צופרידענער, מיט איין אָטעם אַראָפּ פון די טרעפּ.

איבערן גאַנצן וועג אַהיים האָט ער געטראַכט, אַז איצט וועט ער שוין קאָנען פאַרענדיקן, פאַרפולקאָמען דאָס בילד אין שטוב.

און אַזוי איז געווען.

אין שטוב האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן, געאַרבעט מיט התלהבות.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער דאָס בילד פאַרשלאָסן, אַריינגעלייגט אין אַ ספּעציעלן קאַסטן, אַז קיינער זאָל עס נישט קאָנען זען, אויך ער גופא נישט . . .

דאָס האָט ער געטאָן, כדי צומאָרגנס, אַן אויסגערוטער, ווידער אַ קוק טאָן . . . דאַן וועט ער זיין ביכולת אויך צו פאַרריכטן עפּעס, אויב מען וועט דאַרפן . . .

ערשט אויפן דריטן טאָג, ווען דער קינסטלער איז געווען מיט זיך מער-ווייניקער צופרידן, האָט ער דאָס בילד פאַרזיכטיק איינגעפּאַקט און זיך געלאָזט צום הער דזשולי בולאַן, צו וועמען עס וועט, נאַטיר-לעך, דאָס בילד געהערן.

אין קאָרידאָר האָט אים דאָס מיידל, וועלכע באַדינט דזשולי בולאַן, דערקענט און אים אַריינגעפירט אין אָפּיס-צימער.

אַרנאָלד האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס בילד אויפן טיש.

דזשולי בולאַן האָט אָנגעשטעלט דערויף זיינע אויגן, זיי פאַר-האַלטן אַ ווײלע, אַ שאָקל געטאָן מיט די אַקסלען ווי אַ מבין, און אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז נישט דאָס, וואָס כ'האָב דערוואַרט . . . עפּעס האָב איך זיך פאָרגעשטעלט אַ צווייט בילד . . .

ער האָט זיך נישט געקאָנט דעצידירן . . .

און דאָס בילד נישט געקויפט . . .

★ ★ ★

ווען אַרנאָלד איז אַהיימגעקומען מיטן בילד, איז זיין ווייב מערי אין שטוב נישט געווען.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט, נישט בכוח געווען אויפצוהענגען דאָס בילד אויפן וואַנט.

אַ ווײַלע שפּעטער איז מערי אַנגעקומען.
זי האָט, נאָכן אויסטאָן דעם מאַנטל, אַ פֿרעג געטאָן:
— וואָס איז אַרנאָלד? וואָס זיצסטו אַזוי אַן אומגליקלעכער?
— ער האָט נישט געקויפֿט דאָס בילד.
— זייזשע בײַ זיך נישט אַנטמוטיקט מײַן מאַן. ער האָט נישט געקויפֿט דײַן בילד, האָט ער געקויפֿט אַ בילד וואָס איך האָב געמאַכט.
— וואָס מיינסטו?
— אָט פּשוט. ווען דו האָסט מיר אים געשילדערט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט אַ מבין אויף קונסט . . . מורא געהאַט, אַז ער וועט דײַן בילד נישט קויפֿן. כ'האָב געקלערט, אַז דאָס איז אַ מענטש וואָס איז צוגעוואוינט צום בילד פֿון דער קעניגין לויט ווי זי איז אויפֿן געלט, אויף די קאַנאַדער־דאָלאַרן. נו, טראַכטנדיק אַזוי, האָב איך גענומען אַ דאָלאַר און דאָס בילד גענוי, אַזוי ווי עס איז, קאָפּירט, אַרויפֿגעבראַכט אויף דער לייוונט, מיט אַ זוניקער פֿאַרב — ווייל דער טאָג ווען די קעניגין איז דאָ געווען איז געווען אַ זוניקער. און נאָכדעם ווען דו ביסט פֿון אים אַרויס, פֿאַרלאָזט זײַן אָפּיס, בין איך אַרײַן. ווי נאָר ער האָט דערזען מײַן בילד, האָט ער עס אַ כאַפּ־געטאָן, און אויסגערופֿן:
— אָט איז זי, די קעניגין. דאָס איז מײַן ריכטיקע קעניגין . . . — דאָס בילד איז אים געפֿעלן, און ער וועט נאָך מאַכן דערצו אַ גאָלדענע ראַם . . .
— און דאָ איז דער טשעק!
אַרנאָלד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין גרויס שטוינונג . . .
די פּראַקטישע פֿרוי האָט זיך צעלאַכט . . .

קרבנות

אויף דער עלטער שטייט דער מענטש אויף פרי.

פייוויש קארפ איז פינף און זעכציק יאר אלט, אבער צוליב זיין געקניטשטן שטערן און טיף געבויגענעם רוקן זעט ער אויס א סך עלטער . . .

עס האָט פּייוויש די לעצטע יאָרן געלעבט אין טיפער איינזאַמ־קייט. דערפאַר ליידט ער פון שלאָפלאָזיקייט.

ווי נאָר עס שפּראָצט אוים דער ערשטער שיין פון גרויען טאָג, וואַכן שוין זיינע אויגן און פרעגן:

— מיט וואָס קומסטו לעבן דעם היינטיקן טאָג? . . .

זיינע אויגן, וואָס סטאַרטשען אַרוים פונעם ביינערדיקן פיל גע־קנייטשטן פּנים, האָבן אָבער אַמאָל געשמייכלט. עס איז געווען אַ נאַטירלעכער שמייכל, די אינערלעכע רואיקייט, ווען אין דער שטוב איז נאָך געווען זיין משפּחה — דאָס ווייב, דער זון, די טאָכטער.

דעמאָלט נאָך, ווען די משפּחה קאָרפּ איז געווען פאַרזאַמלט, פלעגט מען יעדן פרימאָרגן אַריינגיין אין קיך, און זאַלבעפערט זיך זעצן צום פרישטיק. דאָס זיינען געווען פריידיקע מינוטן, וואָס האָבן אים — דעם פאָטער און מאַן — געגעבן מוט און כוח אויפן גאַנצן טאָג צו זיצן אין פאַבריק, אין שאָפּ ביי דער ניי־מאַשין . . .

דאָס איז געווען אַמאָל.

איצט פילט זיך פּייוויש שלעכט, אַלט.

די אַלטקייט איז אים באַפאַלן גאָר פאַר דער צייט, זיך אומ־רחמנותדיק אַריינגעריסן אין זיינע ביינער און פענטעט זיין גוף . . .

דאָס לעבן איז גרויזאַם! . . .

נאָר קעגן דעם קאָן מען גאָרנישט טאָן, די עלטער איז די עלטער . . .

און אויף דער עלטער וויל זיך דער מענטש אָפּגעבן אַ חשבון, עס מאַטערט אַ געדאַנק: „האָב איך געלעבט ריכטיק, געטראָטן ווירדיק אויף גאָטס ערד? . . . אָדער וואָלט איך אַנדערש געפירט מיין לעבן ווען כ׳וואָלט באַדאַרפט איצט אָנהויבן פון דאָס ניי?" . . .

געדאַנקען — זיי מאַטערן דעם מענטשן . . .

דאָס איינציקע, וואָס ער, דער אַלטער פּייוויש האָט געקאָנט טאָן, כדי זיך פון אָט־די מרה־שחורהדיקע מחשבות צו באַפרייען, איז גע־ווען ניט טראַכטן, נאָר עפּעס טאָן, זיך כאַטש אַריינעסן מיט די אויגן

אין פעקל בריוו, וואָס ליגט אין שופלאַד — בריוו, וועלכע דערציילן, רעדן צו אים, ברענגען צוריק צו דער יוגנקייט.

מיט אַ גיכער, ברוגזער באַוועגונג איז דער ייד אַראָפּ פון בעט, אַריינגעקראָכן מיט די פיס אין די שטעקשיך און — אַנשטאָט צוגיין צום פענצטער, אַ קוק צו טאָן אויף דעם גרויער פרימאָרגן גאַס, וואו עס שפּאַנען שוין די ערשטע מענטשן צו דער אַרבעט, (אַזוי פלעגט ער ליב האָבן צו טאָן) איז ער איצט צוגעגאַנגען צום טיש און אַרויסגערוקט דעם שופלאַד.

דער ערשטער בריוו איז געווען פון זיין מאַמען.

עס איז געווען אַן אַלטער בריוו, וואָס האָט געוויינט מיט מוטער-לעבער זאַרגעוודיקייט . . .

דער מענטש איז אַ באַשעפעניש, ווי אַ חיה, וואָס קאָן נישט איינזיצן אויף איין אָרט . . .

פּייוּוישם אויגן שווימען אַוועק צו דער פאַרגאַנגענהייט, דעמאָלט ווען ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלץ, וואָס איז אים געווען טייער . . .

נאָכן פאַרלאָזן זיין געבורטס - לאַנד, פּוילן, האָט דאָס לעבן אין קאַנאַדע אים אויסגעקוקט ווי אַ רחבותדיקע, שיינע שטוב, נאָר אָן פענצטער, אָן טירן — אַ שטוב אין וועלכער ער מוז זיך צוגעוואוינען, אויפבויען פאַר זיך אַלץ . . . מען האָט באַדאַרפט זיך אַליין איבער-אַרבעטן כדי זיך אַריינפּאַסן אין לעבן . . .

וויפל טעג, וואָכן, חדשים האָט זיך דער מענטש אַרומגעדרייט אָן אַרבעט, אָן באַשעפטיקונג! אַ, יענע צייט געדענקט ער גוט . . .

דאָן, דורך פּראָטעקציע פון אַ לאַנדסמאַן, ערשט באַקומען דעם דזשאָב אין שאַפּ, אין זעלבן שניידער-שאַפּ וואו ער געפינט זיך שוין אַ קיימא-לן פון פערציק יאָר.

אָנהויב האָט ער געלעבט אויף ברויט און הערינג, כדי אָפּצו-שפּאָרן אויף אַ טשעק פאַר דער אַלטער מאַמען וואָס ער האָט געשיקט כמעט רעגולער אויף יעדן יום-טוב.

שפעטער איז דעם מענטשן געוואָרן עטוואָס גרינגער, זיך באַקענט אויך מיט אַ מיידל אין שאָפּ.

פאַר דער חתונה, האָט דער בעל-הבית, מיט פאַרשטענדעניש פאַר זיין לאַגע, אים פּיוווישן, פאַרגעלייגט אַ הלוואה:

— נעם פּיוווישן, אַ הלוואה פון הונדערט דאָלאַר. דאָס געלט וועסטו מיר צוריק אויסצאָלן . . .

אַזוי איז געווען.

גאָר פיין . . .

איז אָבער אַ צרה, אַז דער מענטש שטאַרבט פּלוצעם אַוועק . . . און עס באַלעבאַטעוועט איצט דער זון זיינער, אַ יונגער שניעק, אָן דערפאַרונג, וועלכער דערגייט פּיוווישן די יאָרן . . . לעצטנס אַזוי ווייט, אַז ער האָט שיעור נישט פאַרלוירן די שטעלע. אַ נס, וואָס דער יונגער אָפּערעיטאָר זשאַק ליפּמאַן האָט זיך אַריינגעמישט . . . זיך פאַר אים, דעם דערפאַרענעם אָפּערעיטאָר אָנגענומען, אַז נישט ער איז שולדיק אויב עס קומט פאָר עפּעס אַ פעלער אינעם מלבוש . . . שפּעטער איז אָט דער זשאַק געוואָרן זיין שכן, זיך אַריינגעצויגן אין פּיוווישס אַלט הויז.

פאַרן יונגן האָט דער נייער בעל-הבית נאָך רעספּעקט. אים, פּיי־ווישן, דערגייט ער די יאָרן . . .

און נאָך פריער, ווען דער פאָטער זיינער, דער אַלטער בעל-הבית מיטן באַבערדלטן פּנים האָט געלעבט, האָט אוירווינג, דער איצטיקער, זיך באַוויזן אין די פרימאָרגנס אין שאָפּ מיט ניט-אויסגעשלאָפענע אויגן, געמישט זיך דאָ וואו נישט באַדאַרפט, געשטופּט די נאָז צו אַלע אָפּערעיטאָרס, דערביי געקוקט מיט אַ כיטרען, גנבשן בליק אויפן פאָטער גופא, ווי אויסגעקוקט אויף זיין טויט, כדי צו ווערן אַליין איבערן פאַרמעגן דער הערשער . . . דער פאָטער האָט עס, דוכט זיך, געפילט, עס האָט אים געשטאָכן . . . ווער ווייסט צי דאָס האָט נישט צוגעיאָגט זיין טויט . . . ווער קאָן דען וויסן אַזעלכע זאַכן? . . . נאָר דאָס האַרץ זיינס האָט געפּלאַצט.

איצט, דער נייער בעל-הבית, קוקט אַלץ אויף אים, ווי אויף אַ

שברי־כלי, אונטער וועמענס הענט די מאַשין קלאַפּט שוין נישט מיט דער גאַנצער ענערגיע . . .

— שלעכט אויסגעשפּילט . . .

— ווען איך זאָל נישט דאַרפֿן צאָלן דעם חוב אויפֿן הויז, די ראַטעס, אַלץ כּסדר די „בילס", וואָלט איך זיך שוין פֿון אַט דער שאַפּ באַפֿרייט . . . כ'וואָלט אַוועק, זיך געזוכט ערגעץ וואו אַן אַנדער אַרבעט . . .

איז ווידער אַ צרה: ווען מען איז יונג, וויל מען זיך באַוואָרענען, האָבן אַן אייגן ווינקל, אַ דאַך איבערן קאָפּ: קויפֿט מען זיך אַ הויז אויף אויסצאָל. מען צאָלט עס, מען צאָלט עס, דאָס גאַנצע לעבן. אַ, ניין, אַ סך מאָל טרעפֿט, אַז מען שטאַרבט גאָר פֿריער אַוועק איידער מען האָט אָפּגעצאָלט די לעצטע ראַטע . . .

פּיוּוויש, זיצנדיק איבערן בריוו, האָט שוין אַפֿילו נישט געדענקט, אַז אין די לעצטע חדשים האָט ער קיין צאָלונגען נישט געמאַכט, נישט געקאָנט. די פּאַרדינסטן זיינען געוואָרן איינגעשרומפּן, אַז כּמעט אַלץ גייט אַוועק אויפֿן עסן . . .

גוט איז כאָטש, וואָס ער האָט דעם קוואַרטיראַנט, דער איינציקער מענטש וואָס האָט זיך געוואָלט אַריינציִען אין זיין הויז.

★ ★ ★

דער צווייטער בריוו איז געווען פֿון זיין ווייב, לאה'ן, ווען זי איז אין אַ הייסן זומער אַוועק אויף דאַטשע.

זי שרייבט אים: „קום פּיוּוויש. קום אויך אַהער צו פֿאָרן און רו זיך אָפּ. ס'איז אַ גוט אָרט, וועסטו זיך קאָנען אָפּרוען" . . .

כי, כי . . . לאַכט דער אַלטער מיט אַ האַרציק געלעכטערל בעת ער קוקט אויף אַט־דעם בריוו . . . זי הייסט אים קומען, זי זאָגט אַז ער וועט זיך קאָנען אָפּרוען . . . זיכער . . . ער ווייסט דאָס אַליין . . . זי ווייסט אָבער נישט, אַז ער האָט איר גענאַרט, אַז ער האָט ניט קיין געלט אַפֿילו פֿאַר אירטוועגן . . . נאָר זיך דאָס געלט הינטער איר פּלייצע געבאָרגט . . . זי ווייסט נישט, הייסט זי אים קומען . . . גוט אַזוי, וואָס זי ווייסט עס נישט . . . אַזוי אָרום איז זי טאַקע געפֿאָרן . . .

זי האָט זיך טאַקע, זיין לאה, אָפּגערוט, אַהיימגעקומען, פּריש, ווי אַ רויז . . .

ער, מילא, פּטור . . . ער איז אַ מאַן . . .

און לאַכנדיק, בעת דערמאָנען זיך דאָס אַלץ, לייגט ער פֿאַרזיכטיק צוריק אַריין דעם בריוו.

פּייוויש האָט זיך אויסגעווישט די אויגן-גלעזער בעת אין זיין האַנט איז געלעגן דער דריטער בריוו. ער האָט אויף אָט דעם בריוו לאַנג געקוקט, געפּילט ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ קבר . . .

ס׳איז נישט אַ בריוו, נאָר ממש אַן אויסגעשריי! . . . דער לעצטער אויסגעשריי פון זיין איינציקער שוועסטער באַשע, וועלכע האָט געלעבט מיט איר מאַן און דריי קינדער אין פּוילן, אין קאַזשימיעזש, און בעת דער מלחמה — אומגעקומען אויף אַ שרעקלעכן אופן, אויסגעהויכט די נשמה אין טויטן-לאַגער מיידאַנעק . . .

זי שרייבט אים:

„העלף מיר קומען צו דיר קיין קאַנאַדע! . . ."

און דעמאָלט, ווען זי האָט עס אים געשריבן, איז נאָך געווען צייט עס צו טאָן, איר צו העלפֿן. געווען, יאָ נאָך געווען צייט . . . און ער, דער ייִד פּייוויש, האָט גאָרנישט נישט רעאַגירט . . . נישט געהאָלפֿן . . . נישט געברענגט זיין שוועסטער צו זיך . . .

— רבונו של עולם, ווי זינדיק איך בין . . . פֿאַרוואָס האָסטו באַשאַפֿן דעם מענטשן אַזאַ בשר־ודם? . . .

עטלעכע לעבנס וואָלט דער מענטש באַדאַרפֿט דורכגיין, געבוירן ווערן און שטאַרבן, ביז ער וואָלט זיך אויסגעלערנט כאָטש איין מאָל לעבן מענטשלעך? . . .

וואָס מער ער דריקט דעם בריוו פֿון זיין שוועסטער אין זיין דאַרער האַנט, אַלץ מער אָבער פּייניקט אים דאָס געוויסן . . . און ער איז נאָך אַזאַ וואָס וויל אויסטרינקען דעם ביטערן כוס ביזן דנאָ . . .

שוין זיך גוט אָנגעפּייניקט, פּרואווט זיך ערשט פּייוויש דערמאָנען, אַז זיין זון, הערי, צוזאַמען מיט זיין טאָכטער רות, האָבן יאָ, דוכט זיך, אָנגעהויבן טאָן אין דער ריכטונג, געגאַנגען אין רעגירונגס-

אנשטאַלטן אויף אויסצואַרבעטן די פֿאָרמאַליטעטן בנוגע ברענגען זיין שוועסטער, און — נישט פֿאַרענדיקט . . .

דער פֿערטער בריוו איז טאַקע געווען וועגן אים, דעם זון זיינעם, אַ בריוו, אַ געדרוקטער אין ענגלישע בוכשטאַבן פֿון דער קאַנאַדער מיליטער-מאַכט:

„דיין זון, הערי קאַרפֿ, איז אויף אַ העלדישן אופֿן אומגעקומען אויפֿן מערב-פֿראָנט בעת די קאַנאַדער אַרמיי האָט זיך געשלאָגן קעגן היטלער-דייטשלאַנד".

דאָס איז אַלץ . . . געפֿאַלן . . . ס'האָט פֿייוויש געגעבן אַ צו-שטייער צו באַזיגן היטלער-דייטשלאַנד . . . געגעבן . . . געגעבן פֿון זיך דעם גרעסטן קרבן . . . געגעבן פֿון זיך נאָך מער — אַלץ! . . .

וואָלט ער איצט, זיין הערי, געלעבט, וואָלט ער דעם פֿאָטער זיכער געהאָלפֿן . . .

עס וואָלט אפֿשר אויך נישט געקומען דער צווייטער אומגליק אין הויז . . .

איין אומגליק שלעפּט נאָך דעם צווייטן . . .

אָט-דעם בריוו, אונטערגעשריבן פֿון קוירנעל, האָט רות אָפּגע-גומען פֿונעם בריוו-טרעגער בעת קיינער איז אין הויז נישט געווען. נו, האָט זי דעם בריוו, די שוואַרצע בשורה, אָנגעהויבן אין זיך טראָגן . . . ממש מורא געהאַט אויסצוזאָגן אירע עלטערן . . .

אַזאַ שוטה, וואָלט איר דען נישט לייכטער געווען ווען זי דער-ציילט דעם טאַטן? . . .

זי האָט די בשורה אין זיך אַזוי לאַנג געשטיקט, ביז איין מאָל, פֿאַר-טראַכטערהייט, איז זי אַרויסגעלאָפֿן אין פֿראָסטיקן טאָג אָן אַ מאַנטל. דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן.

דעם בריוו האָט מען שוין געפֿונען ביי איר אין קעשענע ווען זי איז קראַנק געוואָרן.

זי האָט געגליט אין דער לונגען-אָנצינדונג.

גאָרנישט האָט געהאָלפֿן, נישט אַ דאָקטאָר, נישט דאָס שפּיטאָל.

אזא גיך אויסכאַפּעניש, זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט פּונקט אין איר זעכצנטן געבורטסטאָג . . .

דאָס איז געווען דער שוואַרצסטער טאָג אין פּיוווישס לעבן . . .

שפּעטער איז שוין געווען אוים לעבן . . . די מוטער האָט עס שוין נישט געוואָלט, אָנגעהויבן קרענקען, אַלץ אָן אויפהער געקוקט אויף די בילדער פון רותן און הערין.

— כ'האָב חתונה געהאַט, כדי צו האָבן קינדער . . . — דאָס אַלץ וואָס זי האָט געקאָנט זאָגן . . .

— לאה, לאה! . . . דערבאַרעם זיך איבער זיך, איבער מיר, שטאַרק זיך! . . .

ער האָט געפּרוּווט אין זיין גרויסער צעבראָכנקייט איר טרייסטן, אָבער זי האָט געקוקט אויף די בילדער . . .

זי האָט שוין נישט געלעבט, געזשיפעט, געשלעפּט דעם עול פון פינצטערן גורל . . . ביז איינמאָל . . .

עס איז געווען אזא גרויער, שוואַרצער פרימאָרגן ווי איצט, בעת ער איז אויפגעשטאַנען און געטראָפן איר ליגן אין בעט, אויפן וועג צו די קינדער.

★ ★ ★

דער אַלטער האָט זיך אויפגעשטעלט, געבליבן שטיין אינמיטן צימער מיט דער האַנט אויף דער ברוסט, אָט־דאָ וואו עס פרעסט אין אים, ווי אַ קאַנסער, דער צער . . .

דערנאָך האָט ער זיך גענומען אָנטאָן, אַרויפגעצויגן די ברוין־געשטרייפטע הויזן, די שיך, דעם גרינעם סוועטער. פּלוצעם, בעתן אַרויפציען דעם לינקן אַרבל פון רעקל, האָט אַ הוסט זיך אַרויסגעריסן פון אָט־דער טרוקענער וויטיקלעכער ברוסט. די פיר ווענט פון זיין צימער האָבן דעם הוסט אין זיך איינגעשלונגען און געוואָרן איז ווייטער שטיל.

מיט אַ ווייל שפּעטער, שוין פאַרשפּיליעט די קנעפּ פון מאַנטל, האָט ער, אנשטאָט צוצוגיין צו דער טיר — צוריק אַראָפּגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן, דערפילנדיק אַ שטעכעניש אין קערפּער.

* * *

אין דער זעלבער צייט האָט זשאַק, זיין קוואַרטיראַנט, זיך שוין גענומען וועקן. ער האָט פאַרנומען דאָס קליינע צימער אויבן איבער די טרעפּ. עס איז געווען דאָס ריינסטע צימער אין פּייוווישס פאַר־וואַרלאָזט הויז. נאָך דער אַרבעט, האָט זשאַק עס געראַמט, אויסגע־פּוצט די ווענט. ס'איז דעמאָלט פּייווישן געווען פריילעכער, הערנדיק נישט ווייט פון אים די באַוועגונגען פון אַ מענטשן.

ער, זשאַק, וואָס האָט געדונגען דאָס צימער ביליקער ווי ער וואָלט באַדאַרפט צאָלן אין אַן אַנדער הויז, איז געקומען פון פראַנקרייך, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. כאָטש נאָך יונג, איז ער געווען אייגזאַם, ווי פּייוויש . . . בעת דער מלחמה האָבן די היטלעראָווצעס דעפּאָרטירט זיינע עלטערן . . . פון דעמאָלט אָן, נאָכן אַרויסקומען פון דער באַ־העלטעניש, פון אַ פּויערישער כאַטע פון מערב־פראַנקרייך, האָט ער זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, אַנגעהויבן וואַנדערן, ווי גלייך מיט דעם וואָלט ער אויסגעדריקט אַ פּראָטעסט צו דער ברוטאַלער פאַרגאַנגענהייט . . . עס איז געווען דער ווייטיקלעכער געפיל, וואָס באַפאַלט מיטאַמאָל דעם מענטשן, ווען פאַר אומזיסט־אומנישט דער־זעט ער זיך פונעם לעבן באַעוולט . . . עס האָט אים אָבער נישט געהאָפן . . . ער האָט געמוזט זיך ערגעץ וואו איינאָרדענען . . . און לסוף זיך אָפּגעשטעלט אין קאַנאַדע, ערשט נאָכדעם ווען ער האָט זיך אויסגעלערנט שטעפּן אויף אַ ניי־מאַשין . . .

אין שאַפּ האָט ער זיך באַגעגנט מיט פּייווישן.

דאָן, מיט זיין שטיל, צו שטיל פּנים פאַר אַ מענטשן יינגער פון מיטעלן עלטער זיך צו אים אַריינגעצויגן. דאָס הויז האָט דאָן אָנגעהויבן צו לעבן. פּייוויש האָט אָוועקגעגעבן דאָס צימער ביליקער צו אָט דעם זשאַקן, כדי עס זאָל אים זיין טאַקע אַמאָל פריילעכער.

דאָס הויז, וואָס פאַרמאָגט פינף צימערן, צוויי אונטן, צוויי אויבן און אַ קיך, האָט איין אַריינגאַנג, וואו ביי דער טיר, אין קאָרידאָר, זעען זיך די שמאָלע טרעפּ וואָס פירן אַרויף.

ביידע — פּייוויש און זשאַק — פלעגן זיך טרעפן. אַמאָל אין

דער קיך בעתן טרינקען אַ קאַפע; אַמאָל, זייער זעלטן, אין פרי־מאָרגן בעתן אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

לעצטנס איז עס נישט געשען. זשאַק האָט לעצטנס נישט געהערט דעם אַלטן פאַרלאָזן די וואוינונג. עס האָט אים, דעם אַלטן, ווי אַרויס־געיאָגט . . . און אין אַ פאַרביטערטער שטימונג האָט ער פאַרגעזעצט די אַרבעט אין שאַפּ.

היינט, אַט איצט, האָט ער אַפילו נישט געהערט דעם אַלטנס טריט גיין אין וואַש־צימער אויבן זיך וואַשן.

דערפאַר, בעת ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ, אויפן וועג צו דער אַרבעט, האָט ער אין קאָרידאָר אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר:

— וואָס איז, פּיעוויש? . . .

דאָס פּנים פון דעם אַלטן האָט אַט־דעם יונגן מענטשן דערשראָ־קען . . . און דאָס איינציקע וואָס ער האָט געקאָנט טאָן איז געווען אים זאָגן ער זאָל נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

ער האָט עס געזאָגט, זשאַק, דערביי אָבער דערפילט אַז אַט־דער אַלטער וועט עס נישט טאָן, נישט קאָנען ביי זיך פועלן, מחמת די לאַנגווייליקייט, וואָס וואָלט אים צוגעיאָגט אַ גיכן טויט! . . .

לסוף האָבן זיי ביידע פאַרלאָזט דאָס הויז.

— פונדעסטוועגן — זאָגט דער אַלטער בעתן פאַרשליסן די טיר — וועל איך נאָך אָפּצאָלן דעם חוב אויף מיין הויז, אויסצאָלן אַלע ראַטעס. עס איז אַט־דאָס הויז דערווייל דאָס בעסטע וואָס איך פאַר־מאָג . . . ווייל ווען ניט טאַקע דאָס הויז, וואו וואָלט איך, אַשטייגער, געווען איצט? זיכער אין מושב־זקנים! . . .

★ ★ ★

מיט צוויי שעה שפּעטער — ס'איז געווען דעם זעקסטן פעברואַר 1964 — זיינען ביידע אָפּערעיטאָרס געזעסן ביי די ניי־מאַשינען. די שאַפּ האָט גערוישט, ווי געוויינלעך. די אַרבעט איז געגאַנגען נאָרמאַל.

פּלוצעם שטעלט זיך פּיעוויש אויף, הייבט אָן אַלץ כסדר פאַרריכטן הינטער זיך דאָס געזעס, דערפילט אַ שווינדעניש פאַר די אויגן. די

הענט, דערביי, הייבן אָן ציטערן, קלאַפּן זיך אַלץ אינאיינעם אָן דעם אייזן פון דער ניי־מאַשין. די אַרבעט איז נישט געגאַנגען.

די מאַשין האָט אָנגעהויבן ווערן הייזעריק, הינטערשטעליק, קרעכצן.

צום סוף לאָזט ער זיך גיין, שפּאַנט לאַנגזאַם, קוים מיט שווערי־קייטן, דערגרייכט צום וואַש־באַסיין. וואַשט זיך דאָס פּנים. עפנט אויף אַ פענצטער. די פרישע לופט האָט עטוואָס אָפּגעפרישט זיין שווערן, מידן קאָפּ.

אומקערנדיק זיך, ווערט אים דער קאָפּ נאָך שווערער . . . ער קאָן נישט איינפעדעמען, דערזעט נישט די נאָדל . . .

— וואָס איז עס? . . . — פרעגט ער זיך.

פאַר די אויגן ווידער אַ שווינדעניש . . . און אין זיך דערהערט ער דאָס קול פון זיין ווייב. וואָס רופט זי עפּעס פלוצעם היינט נאָך הילף? . . . ער קאָן נישט הערן איר קראַנקע שטים. פאַרמאַכט די אויערן, די אויגן . . .

פילט אַ באַדאַרף זיך אָפּצורוען . . .

ער רוט. בלייבט זיצן אויפן בענקל עטוואָס אָפּגערוקט פון דער ניי־מאַשין.

נאָר פון געוואוינהייט, אפשר אויך אויס מורא, אַז ער זאָל נישט געיאָגט ווערן, לאָזט ער ווידער אין גאַנג זיין ניי־מאַשין. אָבער איז נישט בכוח . . .

די נאָדל, אַנשטאַט אין שטאָף, שטעכט שוין אין זיין האַרץ . . .

דאָס האַרץ אים קלאַפּט מיט די לעצטע קלעפּ ווי ביי אַ מאָטאָר וואָס ווערט פאַרהאַקט! . . .

ער וויל רופן נאָך הילף . . . און דערביי — לאָזט ער אַראָפּ זיין קאָפּ אויף דעם „קעפּל" פון דער ניי־מאַשין . . .

⋆ ⋆ ⋆

צומאָרגנס נאָך דער לוויה, האָט מען געפונען אין שופלאָד פון פּיוויש קאַרפּס ניי־מאַשין אַ צעטעלע, אָן איינגעוויקלט שטיקל פּאַפּיר, וואָס קאָנטיק דער אַלטער האָט מיט אַ צייט צוריק אָנגעשריבן — אַ

צוואה. קיינער האָט עס אָבער נישט געקאָנט לייענען, ווייל עס איז שוין אָט־דאָס שטיקל פּאַפּיר געווען דורכגענעצט מיט אייל — אייל וואָס רינט צווישן די שרייפּעלעך פון דער מאַשין בעת זי ווערט גע־טריבן אין גאַנג.

אויך זשאַק האָט עס נישט געקאָנט לייענען, נאָר אים האָט דאָס דערמאָנט אַ צוואה, אַ נישט אַרויסגעזאָגטע פון זיין טאַטע־מאַמע, קרבנות . . .

דער זילבערנער פינגערהוט

משה קאהאן — אַזוי איז זיין נאָמען. ער האָט נישט געביטן משה אויף „מאָרים״, כדי דערמיט צו פאַרלייכטערן זיינע נישט־יידי־שע פריינט אַרויסצוזאָגן דעם נאָמען. זיי ווען אים, אָט־די פריינט, געווים מוחל זיין. דער מענטש, דענקט ער, דאַרף ליב האָבן זיין נאָ־מען.

ווען ער דערהערט אַ רוף „משה", דערמאָנט עס אים טאַקע אַז דאָס איז ער, אַז זיין יחוס ציט זיך פון משה רבינו און—ער האָט אַ שייכות צו ר' משה בן מיימון . . .

פאַרוואָס דערמאָנט ער פלוצעם זיין נאָמען?

ווייל עס איז נישט אַ געוויינלעכער טאָג בא אים. ס'איז זיין פופציקסטער געבורטסטאָג. ער דערמאָנט זיך איצט פון אַלצדינג . . .

ווי נאָר ער דערהערט דעם קלונג, דעם סיגנאַל צו אויפהערן אַר־בעטן, פאַרלאָזט ער מיט גרויסע שפרייזן די שאָפּ און איילט זיך אַהיים.

אויפן וועג, זיצנדיק אין אויטאָבוס, שווימען אַרויף אויפן זכרון פאַרשידענע געבורטסטעג. דער היינטיקער, אָבער, איז גאָר־גאָר אַן אַנדערער . . .

ווען עס דערגייט שוין דער מענטש צו די פופציק, מעג ער זיך טאַקע זאָגן, אַז הינטער אים ליגן דערפאַרונגען . . . ער איז איצט עטוואָס שוין אַ רואיקער . . . מיט אַ קאַפּעלע מער שכל . . . אַ מער בעל דעת . . .

דעריבער דאַרף מען אַזאַ טאָג אָפּמערקן, פאַרוואַנדלען אים אין אַ יום־טוב.

ווי זאָגט עס די הייליקע תורה: „כי יובל היא תהיה לכם" — וואָרום אַ יובל איז דאָס, הייליק זאָל עס אייך זיין . . .

ער טראַכט און דערמאָנט זיך פון זיין ווייב, אַז אויב אַ יום־טוב, קאָן זי, נאָר זי עס טאָן . . .

און דאָס האַרץ אים זאָגט, אַז זי גרייט צו פאַר אים אַ סורפּריז . . .

★ ★ ★

ווי נאָר ער עפנט די טיר, קומט טאַקע זיין חנה אים אַנטקעגן — אַ שמייכל באַגלייט איר שטים — „אַ גליקלעכן געבורטסטאָג" . . .

פילט ער זיך שוין טאַקע אַ ריכטיקער בעל־שמחה.

מאַכט ער זיך מידער, ווי ער איז געוויינלעך, ציט אַרויף אַ מינע פון אַ מענטשן, ווי ער וואָלט דערוואַרט אויפמערקזאַמקייט . . .

העלפט זי אים, חנה, אויסטאָן זיין מאַנטל.

און אים, משה'ן, איז גוט, ווען ער פילט איר נאָענטקייט צו זיך.

די קינדער, ווידער, דערהערנדיק ווי די מאַמע ווינטשט דעם טאַטן, קומען זיי אויך צו. און מען הויבט זיך אָן צו פאַרען אַרום אים ווי אַרום אַ חתן.

יוסף, דער עלטסטער, וואָס האַלט זיך געוויינלעך פרעמדלעך אין הויז, ווי עס איז די מאָדע אין קאַנאַדע, נעמט אַרויס פון טאַטנס האַנט דעם הוט און הענגט אים אַריין אין גאַרדעראָב.

רות, די טאָכטער, טראָגט דעם טאַטן אַנטקעגן די שטעקשיך.

דער יינגסטער, יאָנאַס, דער צען־יאָריקער שטיפער, האַלט שוין אָנגעגרייט דעם טאַטנס האַנטוך.

און משה גייט זיך אַרומוואַשן.

דאָס געדויערט טאַקע גענוג לאַנג, ווייל ווי אַ שניידער אַ האַנט־בייער, איז אויפן שפיץ פון מיטלסטן פינגער ביי אים אַ פלעק, וואָס אָפטמאָל איז שווער אָפצוּוואַשן. ס'קומט דער פלעק פונעם פינגער־הוט, אַ מעטאַל וואָס ראָסטעט.

נאָכן וואַשן, זעצט ער זיך צום טיש, אַ וויים־באַדעקטן. אַרום אים — די קינדער, דאָס ווייב.

דער טיש איז געגרייט מיט גוטע, פיינע מאכלים, ווי ביי אַ קעניג. דער בעל־שמחה דערלויבט זיך צו מאַכן אַ כוסה. פאַרוואָס נישט? וויפל טעג אַזעלכע האָט מען אין לעבן?

אינמיטן דעריך שטעלט שוין זיין חנה אויפן טיש דעם ספּעציעלן קוכן, אויף וועלכן עס זיינען אָנגעשריבן די אותיות—„העפּי בוירטדעי!"

און עס גייט אַוועק אַ געזאַנג..

נאָכן פראַווען אָט ־ דעם מאָלצייט, שטעלט מען זיך אויף. די משפחה גייט אַריין אין קליינעם פראָנט־צימער, וואו עס שטייט די ראַדיאָ מיט די עטלעכע שטולן און דאָ הויבט זיך אָן די צווייטע טייל פייערונג, דאָס געבן דעם בעל־שמחה די מתנות.

יעדעס קינד דערנענטערט זיך מיט אַ מתנה אין האַנט.

און ער, דער טאַטע, נעמט זיי צוזאַמען: אַ שאַל, אַ קראַוואַט, אַ העמד, אַ פּעקל סיגאַרעטן.

— גרויסאַרטיק, קינדערלעך! אַ טייערן דאַנק! . . .

— וואַרט — רופט זיך אָן זיין חנה — אויך איך האָב פאַר דיר אַ מתנהלע.

ער באַקומט פון איר אַ שאַכטל, אַ קליינס, אַ פיין־איינגעוויקלטס. נאָכן עפענען עס, דערזעט ער אַ זילבערנעם פינגערהוט.

קוקט ער אויף איר, קוקט און דערמאָנט זיך זיין ווילן צו אַזאַ פינגערהוט, נאָר נישט באַקומען אים צו קויפן, אין קיין שום געשעפט נישט.

— וואו האָסטו, חנה, עס געגומען?

— באַשטעלט ביי אַ גאָלדשמיד.

— גאָר פיין — טראַכט ער . . . באַדאַנקט איר פאַר דער אויפמערקזאַמקייט. זיין פינגער וועט שוין זיין ריין, זילבער׳ט ראָסטעט נישט.

אין צען מינוט אַרום איז אוים — אוים שמחה. די קינדער זיינען אַוועק; רות זיצט שוין אין ווינקל מיטן בוך אין האַנט. זי גרייט זיך צו אַן עקזאַמען . . . און יוסף, דער חתן־בחור איז אַוועק אויף אַ ראַנדעוואו. שוין אַ יאָר צייט ווי ער גייט אויף ראַנדעוואוס מיטן זעלבן מיידל און ער, משה קאַהאַן דער טאַטע, וואַרט ער זאָל אים בעטן אויף דער חתונה . . . ר׳האָט דען אַן אַנדער ברירה? . . . יאָנאַס, ווידער, נאָכן פאַרזוכן אַ טראָפּעלע וויין, האָט זיך קוים אַריינגעקייקלט אין בעט און גלייך איינגעשלאָפן . . .

משה בלייבט אַליין, פאַרברענגט דעם אָוונט נעבן חנהן.

★ ★ ★

ביינאַכט קאָן דער ייד נישט שלאָפן, דרייט זיך אויפן געלעגער ווי אַמאָל אַחשוורוש, אַריינגעקוקט אין זיין ספר־החיים.

זיין האַרץ, ער ווייסט נישט פאַרוואָס, ווערט אָנגעפילט מיט בענקשאַפט, אומעט.

עס גיסט זיך אין אים אַן אַזאַ אומעט, אַז דאָס האַרץ שרייט אין אים:

— רבונו של עולם, האָסט באַשאַפן אַזאַ שיינע וועלט! אָבער וואָס האָב איך, משה, אין איר אויפגעטאָן?

אומעט און בענקשאַפט. ער האָט זיי, די געסט נישט ליב. נאָר זיי קומען אומגעבעטענערהייט . . .

אויפן זכרון שווימט אַרויף נאָך אַמאָל זיין קליינער, רונדיקער אַרבעטס־מכשיר, ווייל אַרום אים זיינע יאָרן. יאָרן איינע ענלעך צו די אַנדערע, ווי טראָפּנס שוויים, וואָס אַמאָל פינקלען זיי ווי פּערל, און אַמאָל — ווי טרערן . . .

ער זעט אויך גראַד איצט דעם פינגערהוט, מיט וועלכן עס האָט געניית זיין טאַטע — אַ קליינער, דאַרער ייד, אַן איינגעבויגענער, אַ קרעפּטיקער, וואָס איז יעדן פרימאָרגן, פאַר דער אַרבעט, אַוועק אין דער סינאַגאָגע דאַווענען. פון דאָרט אין שאַפּ. אַזוי — זינט ער גע־דענקט אים . . . דערביי איז ער געווען שטענדיק אַ שווייגער.

באַלד נאָך זיין בר־מצווה, געדענקט ער, האָט אים דער פאָטער גענומען ביי דער האַנט און געפירט.

— וואוהין?

— אין שאַפּ.

— פאַרוואָס?

דער טאַטע שווייגט . . .

באַלד דערזעט ער זיך אין אַ געביידע, אַרומגערינגלט פון מענטש און מאַשין, ווערט פאַרגעשטעלט פאַרן בעל־הבית. קוקט ער אויף אים, דער בעל־הבית, אַז משה נעמט זיך אונטער זיין בליק שרעקן . . . דווקא איז ער אים געפעלן.

זעצט זיך משה — זאָגט ער אים.

זיצט ער שוין און נייט.

אין די ערשטע טעג איז ער אַהיימגעקומען מיט פאַרבלוטיקטע פינגער . . . די הויט אויף די שפּיצן־הענט האָט זיך ביי אים אָנגע־הויבן שיילן . . .

— וועסט זיך צוגעוואוינען, זון! דער מענטש דאַרף אויף אַן ער־לעכן אופן פאַרדינען זיין ברויט.

האָט ער, משה, געפֿאָלגט זיין טאַטן.

ער איז געווען דער איינציקער מענטש וועמען ער האָט גע־קאָנט פֿאָלגן, ווייל די מוטער איז שוין נישט געווען. זי איז, אויך אין אַ שאַפּ, אומגעקומען אין אַן אומגליק, בעת עס האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה...

און ער, דער טאַטע, האָט זיך געעלטערט, געשטאָרבן מיטן פֿינ־גערהוט אויפֿן פֿינגער אינמיטן טאָג בעת ער איז געזעסן און געאַר־בעט.

אַ גוטער טויט, זאָגט מען, נישט קראַנק געווען...

פֿון דעמאָלט אָן איז משה שוין געבליבן אין שאַפּ, געבליבן און זיך אויסגעלערנט די מלאכה.

זיך אויסגעלערנט אָבער אַזוי, אַז קיין שניידער האָט זיך צו אים נישט געקאָנט פֿאַרגלייכן — נישט מיט די פֿיינע, דעליקאַטע שטעך און נישט מיט פֿאַסן... ער האָט אויפֿגענייט, ניין, גיכער אויסגע־צאַצקעט אַ מלבוש אַזוי, אַז טראָגן האָט עס געקאָנט דער קעניג עד־וואַרד אַליין זיצנדיק אויפֿן טראָן...

דערפֿאַר האָט דער בעל־הבית, אים, משהן, יעדעס יאָר, פֿאַר קריסטמעס, געגעבן אַ וואַזשנע מתּנה...

און דאָס לעבן איז אַוועק...

איינמאָל אָבער האָט זיך דאָס לעבן געטאָן אַ קער אויף צוריק. די שאַפּ האָט איינגעשטעלט נייע מאַשינען, אַלץ האָט אָנגעהויבן ווערן מעכאַניזירט, אויך דאָס באַשטעל־שניידעריי איז געוואָרן פֿאַר־וואַנדלט אין אַ מאַסן־פּראָדוקציע...

ער איז געוואָרן אויס מיוחס.

און מיט דער צייט אַרויסגעפֿאַלן פֿון שאַפּ.

טעג האָבן זיך געצויגן, אָן באַשעפֿטיקונג. אויף צו ווערן אַן אַפּערייטאָר האָט ער נישט געטויגט, ניט געווען דערצו געוואוינט...

די אַרבעטסלאָזע טעג האָבן אים פֿאַרקירצט דאָס לעבן...

זוכנדיק אָן אויסוועג פֿון אָט־דער לאַגע, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט פּרובירן זיין מזל: ער וועט זיך עפֿענען אַ װאַרשטאַט, אַ קליינעם

אזא, וואָס זאָל נישט קאָסטן טייער, צו וועלכן ער וועט זיך קאָנען דערשלאָגן . . .

ער איז אַוועק אין דעם מזרח-טייל פון טאָראָנטאָ און דאָ אין דער געגנט, וואו אין פאַרגלייך צו אַנדערע טיילן פון שטאָט איז דאָס דירה-געלט ביליק, געזוכט זיך אַ פּאַסיק צימער — אַ צימער מיט אַ שויפענצטער, מיט אַ פראָנט-טיר, וואו מענטשן זאָלן אים קאָנען זען. געפונען . . . און זיך באַוואָרנט — אונטערגעשריבן מיטן בעל-הבית פון צימער אַ קאָנטראַקט אויף עטלעכע יאָר. וואָס דען זאָל ער טאָן? ער איז דען אַ שוטה, משה?

אָט-דאָ, טראַכט ער זיך, וועט ער שוין קאָנען זיך אויסלעבן די רעשט יאָרן רואיק, פאַרדינען דאָס ברויט זיינס אונטער דער מזוזה, לעבן זיך רואיק און גלייכצייטיק אויף אַן ערלעכן אופן, ווי עס האָט אים געלערנט זיין טאַטע.

משה איז צוגעטראָטן צום איינאָרדענען זיך — אַוועקגעשטעלט אַ טיש, אַ פּרעסל, אַ שער, שענקעלעך אויף שניט-סחורה. געקויפט אַ גרויסאַרטיקן שפּיגל, ווייל דער שפּיגל אין באַשטעל-שניידעריי איז דאָס צירונג . . . עס דאַרף מאַכן דעם ערשטן גוטן איינדרוק אויפן קליענט . . . און אויפן טיר אינדרויסן אויפגעהאנגען אַ וואַזשנעס שילד: „משה קאהאנס שניידעריי".

און עס האָבן זיך געצויגן טעג וואַרטנדיק אויף קליענטן . . .

וואָכן, חדשים זיינען אַריבער און קיין קליענטן זעט מען נאָך אַלץ נישט . . .

— ביסט נישט דער איינציקער, משה, אין יעדער נייער ביזנעס איז אַזוי. מען דאַרף וואַרטן, האָבן געדולד . . .

טרייסט-ווערטער האָבן אים נישט געפעלט . . .

און ער איז אַלץ געזעסן ביי דער ניי-מאַשין, קוקנדיק אין שפּיגל מיט פאַרלייגטע הענט, אַזוי לאַנג, ביז . . .

ביז אָט-דער שפּיגל האָט אָנגעהויבן פון אים אַזש חוזקן: משה, ביסט אַ גוטער שניידער, אָבער איז דען דאָס גענוג? . . . זיכער נישט . . . מען דאַרף דערצו זיין אַ געשעפטסמאַן . . . ביסט עס נישט . . .

טאַקע, ער האָט עס דערזען באַלד אַליין, אַז ער איז עס נישט . . . אָנגעהויבן זען, אַז די געגנט וואו ער צאָלט ביליק דירה־געלט איז נישט אַ פּאַסיק אָרט פאַר באַשטעל־שניידעריי. איבערהויפּט נישט . . . די געגנט איז טאַקע אַן אָרעמע. קיין קליענטן קומען נישט.

און די, וועלכע זיינען יאָ געקומען, איז נאָר מיט אַלטוואַרג, מיט אַלטע מלבושים, ער זאָל מאַכן אַלטערעישאַנס, לייגן לאַטעס.

אַ פאַרביטערטער, אַן שום אויסוועג פאַר דער צוקונפט, איז ער אַוועק צום בעל־הבית און געבעטן ער זאָל אים באַפרייען פונעם קאָנטראַקט . . . כ׳האָב קינדער — זאָגט ער אים — כ׳דאַרף זיי שפּייזן, כ׳קאָן נישט . . .

קוקט דער בעל־הבית אים גלייך אין די אויגן און לאַכט . . . לאַכט אַזוי אַז די ברילן זיינען אים אַראָפּגעפאַלן פון פּנים:

— וועלכער ייד האָט דען נישט קיין קינדער? קאָנטראַקט איז קאָנטראַקט!

איז אים געוואָרן דאָס האַרץ פאַרפרוירן, ווען ער האָט מיט דעם ביסל געלט פון נייען דאָס אַלטוואַרג באַדאַרפט צאָלן דירה־געלט און נישט געקאָנט אַהיים ברענגען פאַר זיין משפחה אַ סענט . . .

זיין חנה, דערזעענדיק זיין לאַגע, האָט געשוויגן, און אַוועק זיך אויסזוכן אַן אַרבעט.

זי האָט זיך געשטעלט אַלס אַ פּרעסערין פון וועש אין אַ העמדער־שאַפּ. און אַהין געפירט דעם דעמאָלט זעכצניאָריקן יוספן אויף צו לערנען זיך דאָס פאַך פון צושניידער.

אַ קליינע, אַ דאַרע, אַן אַ שמייכל אויפן פּנים, איז זי, חנה, יעדן אָוונט אַהיימגעקומען און זיך געשטעלט קאָכן וועטשערע.

דערפילט האָט זיך משה דעמאָלט דער איבעריקסטער און איינ־זאַמסטער מענטש אויף דער וועלט . . .

איינמאָל האָט ער דערזען אַן אַנאָנס אין צייטונג, אַז דער שאַפּ „אַריסטאָקראַט”, וואָס שמ׳ט פון די גוטע מלבושים איבערן לאַנד, זוכט אַ קוואַליפיצירטן האַנטנייער. ער איז גלייך אַוועק אַהין. און פאַרן ביסל געלט, נאָכן פאַרקויפן זיין האָב און גוטס פונעם אויסגעטרוימטן

וואָרשטאָט, האָט ער זיך אויסגעלייזט פונעם קאָנטראַקט . . .

איצט, אַ דאַנקען גאָט, ברענגט ער כאָטש אַהיים יעדן פרייטיק דאָס נויטיקע געלט פאַרן לעבן . . .

— נו, משה, אויב אַזוי, וואָס פעלט דיר? פאַר וואָס קאָנסטו נישט שלאָפן?, פרעגט ער זיך. און אַ שטים אין אים ענטפערט:

— איך ווייס נישט! . . .

★ ★ ★

באַגין, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, איז דער מענטש אַרוים פון בעט, זיך געשטעלט אונטער אַ קאַלטן שפּריץ און זיך אויפגעפרישט.

שטענדיק, ווען מען איז מיד, העלפט אַ קאַלטער שפּריץ . . .

אין דער קיך דערהערט ער פּלוצעם טריט.

— וואָס איז רות? וואָס טוסטו דאָ אַזוי פרי?

— איך קאָן נישט שלאָפן. כ'האָב היינט אַן עקזאַמען . . .

ווייסט ער שוין, משה, איר לאַגע . . . ענטפערט גאָרנישט . . . און לאָזט איר מאַכן פרישטיק. זי גרייט צום טיש.

ער זעצט זיך צום פרישן טעפּל קאַפע. נאָר אינמיטן דעריין דערמאָנט ער זיך אָבער פון זיין חנה, אַז זי האָט זיך נעכטן געמוזט גענוג אָנהאָרעווען, איינע אַליין צוגרייטן אָט־דעם יום־טוב . . . פילט ער זיך עפּעס שולדיק, וויל ער כאָטש איר דאַנקען, זאָגן אַ גוט וואָרט, און שטעלט זיך אויף מיטן נאָר־וואָס אָנגעגאָסענעם טעפּל קאַפע אין האַנט און לאָזט זיך גיין צום שלאָפצימער.

אויפן שוועל בלייבט ער שטיין, דערזעט אַז חנה שלאָפט נאָך.

ער קוקט אויף איר און טראַכט: אפשר נישט . . .

אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען יונג, האָט זי זיך געמאַכט שלאָפן... געלעגן אָפּטמאָל מיט פאַרמאַכטע אויגן, געוואָלט זען, אים אויספּרובירן צי ער — דער גוטער, ליבער מאַן אירער — צי וועט ער זי שוינען, אָדער אויפוועקן צו מאַכן דעם פרישטיק. פילנדיק דאָס, האָט משה זיך אויך אַריינגעלאָזט אין שפּיל, געלאָזט זיך גיין אויף די

שפיץ־פינגער אין צימער הין און צוריק, זי זאָל מיינען אַז ער גלייבט אין איר שלאָף, ביז . . . ביז זי האָט דעם שפּיל נישט אויסגעהאַלטן, נישט געקאָנט אויסהאַלטן, נאָר געעפנט אירע אויגן מיט אַ שמייכל און אַ זאָג געטאָן:

— גוט מאָרגן, משה!

— גוט מאָרגן, חנה!

יאָ, דאָס איז געווען אַמאָל.

איצט שלאָפט חנה . . .

האָט ער, אַ פאַרזיכטיקער, זיך אומגעקערט פון צימער, אַליין אָראָפּגעשלונגען דאָס טעפּל קאַפע און פאַרלאָזט דאָס הויז צו דער אַרבעט.

★ ★ ★

אויפן וועג, אין אויטאָבוס, ווען מען טרעפט נישט קיין באַקאַנטן, טראַכט מען ווידער.

ס׳קומען ווידער אויפן זכרון זיינע קינדער. דאָס מאָל זי, רות, איר עקזאַמען.

נאָר אַ לערערין וויל זי זיין . . . אָן עקשנטע . . . גוט אַזוי . . . זי וועט פאַרזעצן דאָס שטודירן — האָט זי איינמאָל אים אָנפאַרטרויט — פאַרזעצן ווען אַפילו איר וועט אויסקומען צו הונגערן.

אַ, ניין, רות, חלילה . . . וועסט עס נישט מער . . . די צייט איז שוין אַוועק . . . דער טאַטע דיינער וועט דאָס מער נישט דערלאָזן . . .

אויך יאָנאָסן, דעם יינגסטן זון מיינעם, וועל איך לאָזן שטודירן, דערצו אים דערמוטיקן . . . ווי דען? זיכער! . . . וואָס קאָן דען דער מענטש אין די היינטיקע טעג דערגרייכן אין לעבן אָן לערע, האָ? . . .

פאַרטאָן אין אָט די געדאַנקען, פילט ער נישט ווי די צייט לויפט און שוין דערזעט ער זיך אין דער געגנט פון דער קליידער־אינדוסטריע, אויף דער ספּעדאַינע עוועניו, וואו עס שטייט זיין שאַפּ, אַ צוועלף־שטאָקיקע געביידע.

זיין צעך געפינט זיך אויפן פערטן שטאָק. ער לאָזט זיך אין אים אַריין.

צופרידן איז משה ווען ער קומט פריער פאר דער צייט . . . און ער לאזט זיך גיין אין זיין ווינקל, א ספּעציעל ווינקל ביי א לאנגן טיש וואו עס זיצן די מייסטער פון שאפ.

עס קומען אויך אן די איבעריקע בעלי־מלאכות, די וועלכע זיצן נעבן אים. דאס זיינען סך־הכל פיר, אלע זיינען זיי קוואליפיצירטע שניידער. זיי זיצן צוזאמען, ביים טיש, אויף וועלכן עס ליגט אנגע־לייגט א בארג מלבושים, וואס ווארטן מען זאל זיי אפשטעפן, אריינ־פירן אין זייערע ברעגן די פיינע, דינע, דעליקאטע שטעך, אזעלכע אז מען זאל זיי נאכן פרעסן אינגאנצן נישט אנזען . . . דאס זיינען אלע מלבושים פון קאפריזנעם שטאף . . .

נעבן די „מייסטער" זעצט זיך א ריי פרויען־קעפּ, דאס רוב פון זיי עלטערע, אין גרויע האר. דאס זיינען די פינישער, וועלכע גע־וויינלעך, בעתן נייען, ווען עס הערט נישט דער פארמאן און נישט דער בעל־הבית, זינגען זיי. מאכן עטוואס פריילעכער די שאפ.

עס טרעפט אויך, אז זיי מאכן אומעטיק די שאפ . . . ווייל אין זייער זינגען הערט זיך די בענקשאפט צו זייערע אמאליקע היימען . . . ס'זיינען פרויען פון פארשיידענע לענדער — פוילן, אוקראינע, דייטש־לאנד, איטאליע. עס טרעפט, ווען נישט ווען, קומט גאר צו א קריגעריי צווישן א דייטשישער און יידישער פרוי, מען דערמאנט די פארגאנ־גענהייט, די היטלער־מלחמה . . .

נעבן אט די פינישער, שטייען די אנדערע ארבעטער, די פאס־טריגע־ציער און די קנעפּ־נייער. דאן, לענגאויסביידע זייטן שאפ, צו די ווענט צו, ציען זיך די אן א שיעור ניי־מאשינען, געוויינלעכע, די וועלכע נייען צונויף די נעטנ. זיי ציען זיך איבער דער גאנצער לענג פון צעך, אן ערך צוויי הונדערט מעטער. אינמיטן די צוויי לאנגע ריזן צוגן, געפינען זיך די אנדערע, ספּעציעלע מאשינען — דער „בעיסטער", דער לייוונטכאפּער, לאצנפיקעווער, דער שנירלער, און די מאשין וואס כאפּט ארויף דעם אונטערשלאק צום מלבוש.

גאר א באזונדער ארט אין אט־דעם צעך פארנעמט א נייע מאשין

מיטן נאָמען „שעיפּער". דאָס איז אַ מאַשין, וואָס שעיפּט, שניצט די פּאַסאָנען פון די מלבושים. פריער, ערשט מיט אַ זעקס חדשים צוריק, זיינען אויפן אָרט פון אָט-דעם „שעיפּער" געשטאַנען פיר אַרבעטער, מענטשן וואָס האָבן מיטן שער אויסגעקינצלט די פּאַסאָנען . . . איצט, מיט דער הילף פון אַ פּרויען-האַנט, פירט דער שעיפּער אויס די זעלבע פונקציע וואָס יענע פיר . . .

שוין הערט זיך אַ קלונג און אין שאַפּ ווערט אַ באַוועגונג, דער אַרבעטס-טאָג הויבט זיך אָן.

★ ★ ★

און ווי משה זיצט מיטן מלבוש אין האַנט, דערהערט ער פּלוצעם הינטער זיך טריט, אומגעוויינלעכע טריט — טריט ניט פון אַ שניידער, אָדער פּרעסער. דרייט ער אויס דעם קאָפּ און דערזעעט טאַקע אין שאַפּ אַריינקומען טרעגער. זיי טראָגן אַ קאַסטן, אַ שווערן. פון פאָרנט גייט דער צעך-פאָרמאַן, ווייזט זיי דעם וועג. דעם קאַסטן שטעלט מען אַוועק אָט דאָ, גראַד אין ווינקל פון די „מייסטער", הינטער משהס פּלייצע.

מען נעמט דעם קאַסטן עפענען, און מען נעמט אַרויס כלים פון אַ נייער מאַשין.

דער שאַפּ-מעכאַניקער און זיין געהילף הייבן אָן צונויפשטעלן אָט די מאַשין. ס'איז קאַנטיק אַ מאַשין, אַ וואַזשנע כלי! . . . מיט אַ גלאַנצנדיקן, הויך פּאָרריסענעם „קאָפּ", וואָס קוקט אַריבער אַ סך אַנדערע, גלייכט זיך כמעט אויס אין דער הייך מיטן „שעיפּער".

די שעהן הייבן זיך אָן רוקן שווערע . . .

★ ★ ★

בעתן מיטאָג-איבעררייס, קוקט משה קאהאן אויפן שעיפּער. ער קאָן זיך עס נישט דערקלערן די סיבה . . . נאָר קוקנדיק אויפן שעיפּער, דערמאָנט עס אים פון יענע פיר מענטשן, וועלכע האָבן צוליב אָט-דער מאַשין פאַרלוירן די אַרבעט . . .

וואוהין זיינען זיי אוועק?

מסתמא צום פראפעסיאנעלן פאראיין, זיך פארקלאגט . . .

ס'איז איבעריק . . . דער פראפעסיאנעלער פאראיין קאן זיך נישט אנטקעגנשטעלן דער נייער טעכניק! . . .

★ ★ ★

נאך מיטאג קוקט ווידער משה אויף דער נייער מאשין, דערזעט ווי דער פארמאן דערנענטערט זיך צו איר, זעצט זיך אראפ, באטראכט זי, ווי א חתן זיין כלה . . . פעדעמט איין, שליסט איין דעם עלעק־טרישן שטראם, אט אזוי, גייט איר מסתמא אויספרובירן . . . און אט טאקע נעמט ער שוין אראפ פון זיין טיש א מלבוש, ליגט צונויף די ביידע ברעגן, קונציק, ווי עס טוט דאס א ספעציאליסט, און איין ברעג האלט ער לויז בעת דעם צווייטן רוקט ער גלייך ארונטער צווישן די ציין און נאדל.

— בר־ר־ר־ר־ר־ר־ר־ר־ר לאזט ארוים די מאשין א קלאנג.

די מאשין די נייע האט שוין אויסגעפירט א פונקציע.

★ ★ ★

טאקע דעם זעלבן פארנאכט, ווען ער האט גענומען אויף זיך זיין מאנטל כדי צו פארלאזן די שאפ, איז צו אים צוגעקומען דער שאפ־פארמאן.

— משה, אט איז דיין טשעק! . . . מען וועט שוין נישט שטעפן פון היינט אן מער די מלבושים מיט דער האנט . . . אויב עס וועט זיך מאכן א פריי ארט פאר אן אפערייטאר אדער פרעסער, וועט מען עס דיר זיכער לאזן וויסן . . .

נעמט משה דעם טשעק אין האנט און טראכט פון רחלען און יאנאס . . .

אויפן וועג אהיים באטראכט ער די נייע מתנה, דעם זילבערנעם פינגערהוט, ער קוקט דערויף ווי אויף א חפץ, וואס מען וועט עס דארפן שוין אריינשטעלן אין א מוזיי! . . .



קנאה

1.

דער זאַל פון „בני ישראל”, אַ סינאַגאָגע אין טאָראָנטאָ, ווערט ביס־לעכווייז אָנגעפילט, אַלץ מער און מער געסט קומען אָן צו דער שמחה לכבוד שאַפּיראָס בר־מצוה.

די געסט, מחמת זיי זיינען אַ סך, שטעלן זיך אויס אין אַ ריי, כדי

צו ווינטשן דער משפחה פון בעל־שמחה מזל־טוב. דאַן גייט מען אַריין אין אַ צווייטן זאַל, וואו עס הייבט זיך אָן די פייערונג.

עס בלאַנקען ווייס־געדעקטע טישן, אָנגעפילט מיט געשיר, כוסות, פלעשער וויין, אַנדערע געטראַנקען. די בלומען און די ברענענדיקע מנורות גיבן צו אַ ספּעציעלע פייערלעכקייט.

די געסט זעצן זיך אַרום די טישן. די משפחה שאַפּירא מיט די קרובים און נאָענטע פריינט זיצן באַם הויפּט־טיש, אויבנאָן אין זאַל.

צווישן די קרובים זיצט אַ מיידל פון אַ יאָר דרייסיק, אָן אַ שמייכעל. איר פּנים, עטוואָס אַ בלייכס, דריקט נישט אויס קיין פרייד. זי קוקט אויס איינזאַם. פון צייט־צו־צייט הייבט זי אויף די אויגן, ווי געוואָלט זיך צעשרייען, נאָר זי קאָן נישט . . .

אָן אָרקעסטער הייבט אָן שפּילן.

דער עולם איז זיך משמח.

דאָס מיידל איז פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען.

די פרייד פון רוישיקן עולם, דאָס קלינגען פון די גלעזלעך, דער טומל וועקן איר עטוואָס אויף, רופן ביי איר אַרויס אַ געפיל פון באַוואונדערונג: „די מענטשן זיינען אַזוי פריילעך!" און באַוואונדערנדיק די פרייד, הייבט זי אויף די טיף־פאַרטראַכטע אויגן, גיט אַ קוק אויף די פּנימער, צעשטראַלטע, לייכטנדיקע, ווי שטערן וואָס שיינען אין הימל — פינקלענדיקע, שימערירנדיקע שטערן.

איז עס אמת, וואָס מען זאָגט, אַז יעדער מענטש האָט אַ שטערן אין הימל און פּונקט ווי ער שיינט אויבן לייכט אַזוי אונטן אויף דער ערד זיין מזל?

דער אָרקעסטער זעצט אַלץ פאָר, אויך נאָכן מאָלצייט. די פלייטן, די פידלען, דער פּויק, אַלע אינסטרומענטן און דער טענאָר רופן שוין איצט צו אַ טאַנץ. און דער גאַנצער עולם ווערט באַלד פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן, קיילעכדיקן קרייז — אַ קרייז פון פרויען און מענער, וואָס טוליען זיך איינער צום אַנדערן אין די אָרעמס; אַ קרייז, וואָס דריקט אויס לעבן, פרייד, נאָר אַזאַ אין וועלכן זי, ראָזע, קאָן נישט אַריינקומען, זי איז אַליין . . .

זי באַדויערט זיך, און דערמאָנט זיך גראָד איצט די אַלע געלעגנ־הייטן, וואָס זי האָט געהאַט אין לעבן . . .

זי דערמאָנט זיך פון ארטור שאַפּיראָ, איר שוואָגער, דער פּאַטער פונעם בר־מצוה, אין וועמענס כבוד מען האָט איינגעאָרדנט אָט־די שמחה . . . זי טראַכט פון אים און איז מקנא זיין ווייב, איר שוועסטער . . .

ראָזע וויל פאַריאָגן פון זיך די געדאַנקען, נאָר זי קאָן נישט, בלייבט ווידער זיצן מיט זיך פאַרטראַכט.

— האָ? . . . — כאַפּט זי זיך פלוצעם אויף בעת דער באַר־קעלנער דערנענטערט זיך צו איר מיט אַ פלעשל אין האַנט. ער גיסט אָן איר כוס מיט וויין.

זי טרינקט אָן פרייד, פּרוואווט שמייכלען צו אירע טיש־שכנים און פילט זיך גלייכצייטיק צווישן זיי פרעמד.

★ ★ ★

ביים זעלבן טיש זיצט אַ מאַן, פאַר וועמען די שמחה קוקט אויך אוים עטוואָס פרעמד.

פרעמד?

יאָ, אָבער גאָר אַן אַנדערע פרעמדקייט, ווי עס פילט ראָזע. אַ פרעמדקייט — ווייל ער גופא איז נאָך דאָ־הי פרעמד, ניי: ניי איז פאַר דעם מאַן די היגע שפּראַך, די מנהגים, דאָס טאַנצן, דער אופן פון פאַרוויילן זיך, אַפילו די מאַניערן פונעם מענטשן, אַלצדינג.

דאָס איז אַ קרוב פון בעל־שמחה.

זיין נאָמען? זי, ראָזע, ווייסט עס נישט. זי ווייסט נאָר אַז ער איז מיט אַ טאָג אָדער צוויי פריער אָנגעקומען קיין קאַנאַדע. און קאַנאַדע וועט פאַר אים זיין דאָס צווייטע היימלאַנד, ווי פאַר אַ סך אַנדערע וואָס זיינען געקומען פאַר אים און וואָס וועלן קומען נאָך אים.

און ווי אירע געדאַנקען זיינען קאָנצענטרירט אַרום דעם פרעמדן מאַן, זעט זי ווי דער בעל־שמחה הייבט זיך אויף פון שטול, נעמט זיין קרוב אונטערן אָרעם און שטעלט אים פאָר פאַר די געסט ביים טיש.

שוין דערנענטערן זיי זיך צו איר, צו ראָזען.

און זי דערהערט:

— באַקענט זיך . . . דאָס איז מיין ברודער יהודה שאַפּיראָ.

ראָזע דערלאַנגט דעם גאַסט די האַנט.

נאָך דער באַקאַנטשאַפט, זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, ווייזט זי יהודה שאַפּיראָן אַן אויף אַ שטול נעבן זיך און פילט ווי איר פּנים דערביי רויטלט זיך . . .

יהודה איז אָנגעטאָן אין אַ פּראָסטן אַנצוג, אַ גלאַטן קראַוואַט, און אַלץ אויף אים איז זייער באַשיידן. ער קוקט אויס סימפּאַטיש. זיין גוף, פון מיטעלן וואוקס, איז גלייך געבויט, האַרמאָנירט מיטן מילדן בליק פון זיינע אויגן. אויפן פּנים, אַן אויסדרוקפולס, וואָס דריקט אויס געדולד, ליגן די שטריכן פון ליידן, ווי ביי אַ מענטש וואָס האָט שוין אַ סך איבערגעלעבט . . .

יהודה האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, סתם אַזוי ווייל דער מענטש האָט אויגן, קוקט ער וואו דער בליק פאַלט.

ער דערזעט דעם שימער פון זיידן קלייד, וואָס ליגט אויף איר אויסגעפּאַסט. איר שלאַנקער גוף, עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן וואוקס, איז באַוועגלעך, ווי קוועקזילבער, באַוועגט זיך בעת זי רעדט. אויפן אָפענעם גלאַטן האַלדז ליגט אַ לאַנגע, גילדערנע קייט, וואָס גרייכט אַזש ביז צו דער טאַליע. דער גלאַנץ פון איר צירונג פּאַראַיי־ניקט זיך מיטן קאָליר פון איר פּנים, וואָס איז, קאַנטיק פון וויין, צעפלאַמט. אירע אויגן שמייכלען בעת זי פרעגט:

— ווי געפעלט אייך דאָס פּראַוועון אין קאַנאַדע אַ בר־מצוה?

יהודה ענטפערט, דערציילט פון זיין בר־מצוה.

עס איז געווען אין פּוילן, אין דער שטאָט אָסטראָוועצ. אין זכרון שווימט אַרויף דאָס בילד פון זיין פאָטער, אַ פּשוטער ייד, וואָס האָט געלעבט אַלע יאָרן פון דער אַרבעט אַלס סטאָליער. ער דערזעט אים איצט אין אַ קליינער, אַלטער שול, וואו מען רופט יהודהן אויף צו דער תורה, מען איז אים מכבד מיט מפטיר.

נאָכן לייענען די תורה און נאָכן דאַווענען, שטעלט דער פאָטער קידוש צו די מתפּללים.

טרינקט מען „לחיים", מען ווינטשט יהודהן מזל־טוב און אַלע גוטע זאַכן פון דער וועלט

נאָר גאָרניט איז אים מקוים געוואָרן, ווייל באַלד מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. אין דער שטאָט אַסטראָווצע האָט אַריינגעמאַרשירט דאָס היטלער־חיל, וואָס האָט פאַר־ברענט די אַלטע שול און דאָס פּנים פון לעבן איז מאָמענטאַל פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ צורה פון טויט . . .

די צוויי מענטשן, כאָטש נישט פאַרמאָגט קיין געמיינזאַמע שפּראַך, האָבן זיך ביים טיש אויסגעשמועסט.

ווי אַזוי?

די פאַרשטענדעניש צווישן מענטשן ליגט נישט אין דער שפּראַך גופא.

אויך אין ווילן.

זי האָט פאַרשטאַנען עטוואָס יידיש און עס איז געווען גענוג.

ביסלעכווייז, פונקט ווי דער עולם האָט פריער אַנגעפילט דעם זאַל, אַזוי פאַרלאָזט ער אים איצט — די שמחה איז פאַרענדיקט.

דער עולם גייט זיך פאַנאַנדער, איטלעכער קומט אין זיין וואוי־נונג.

אויך ראָזע איז אין איר וואוינונג.

ס'איז אַן איינזאַמער צימער, אין וועלכן זי זעט בלויז איר שאָטן.

ס'איז שוין שפּעט. זי פילט זיך מיד.

זי לאָזט אַראָפּ איר מידן גוף אויף אויסרוען אים אין שלאָף. נאָר די אויגן לאָזן עס נישט . . .

זי דערזעט זיך ווידער אין זאַל פון דער שמחה. נעבן איר וואַקסט אויס דאָס געשטאַלט פון גאַסט יהודה שאַפּיראָ. באַלד אויך אַרטור שאַפּיראָ.

די ברידער זיינען שטאַרק ענלעך צו זיך. זי ווייסט שוין איצט נישט ווער ס'איז ווער . . .

נאָר . . . נעבן אַרטור שאַפּיראָן שווימען אויף אַנדערע זאַכן, וועלכע זי וויל נישט זען.

זי וויל נישט און דאָך זעט זי זיי . . .

זי דערזעט זיך אַ יונג מיידל, מיט שוואונג. אַרטור שאַפּירא מאַכט איר אַ פאָרשלאָג אויף אַ ראַנדעוואו. זי זאָגט אים אָפּ.

ס'איז טאַקע אמת, אַז מיין מזל שיינט נישט. מיין שטערן איז פאַרוואָלקט . . .

זי דערמאָנט זיך ווי זי האָט אַרטורן באַקענט מיט איר שוועסטער, מיט עמאַן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זיין ווייב, די מאַדאַם שאַפּירא.

פון דעמאָלט אָן איז שוין אָפּגעפלאָסן אַ קימאַ־לן פון פערצן יאָר.

— צייל בעסער נישט די יאָרן, עס וועט דיר דערפון קיין געזונט נישט צוקומען—, איז געווען דער לעצטער געדאַנק בעת זי איז איינגעשלאָפן.

.2

צומאָרגנס, אַ טאָג נאָך דער בר־מצוה, ווי נאָר זי האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, האָט ראָזע זיך געשטעלט פאַר איר שפּיגל, זיך עטוואָס צוגעפוצט און אַוועק אויף אַ באַזוך צו איר שוועסטער.

זי האָט דערפילט אין זיך אַ פּלאַם, דעם פלאַם צו ווערן אוים מיידל, צו ווערן אַ ווייב, דערפילט אַ דראַנג צו יהודהן.

פאַרשטאַנען האָט זי, אַז יהודה שאַפּירא געפינט זיך אין הויז פון זיין ברודער.

אָבער געטראָפן האָט זי איצט אין הויז פון די שאַפּיראָס נאָר איר שוועסטער.

— קום אַריין! . . . — באַגעגנט איר עמאַ ביי דער טיר און פירט איר אין שטוב אַריין.

ראָזע, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט נישט געווען צו גאַסט אין דאָזיקן הויז, האָט זיך אַרומגעקוקט, דערפילט אַ שטילקייט, וואָס האָט איר געזאָגט אַז יהודה איז איצט נישטאָ. „מסתמא — טראַכט זי — איז ער אַוועק זיך זוכן אַן אַרבעט".

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און זיך מיט דער שוועסטער דורכגע־שמועסט.

מען האָט געשמועסט פון פאַרשיידענע זאַכן. פאַרשטייט זיך, דערמאָנט די בר־מצוה, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט, אַ גרויסע סומע, וואָס נאָר אַ פאַרמעגלעכע משפחה קאָן זיך עס דערלויבן. געדאַנקט גאָט פאַר דער גוטער צייט איצט, אין וועלכער זי, עמאַ, קאָן זיך לאָזן קאָסטן.

כדי דאָס אונטערצושטרייכן, דערמאָנען זיך די שוועסטער פון דער אַמאָליקער, שלעכטער צייט ווען מ׳האָט געלעבט אין אָרעמקייט.

אין אָרעמקייט האָבן געלעבט זיינע עלטערן.

דער פאָטער, אַן אַפּערייטאָר אין אַ קליידער־שאַפּ, האָט קוים פאַרדינט אויף פּרנסה, און דאָס נישט שטענדיק, ווייל נישט אַלעמאָל האָט ער געאַרבעט. האָט די מוטער אַ סך מאָל געמוזט אַרויסהעלפן, געשטריקט סוועטערס. זיינען קיינמאָל אין שטוב נישט געווען די מאָלצייטן אין דער ריכטיקער צייט.

געווען זיינען זאָרגן . . .

ווען זי, ראָזע, איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט זי זיך געוואָלט שיין קליידן.

זי איז געווען אַ שיין מיידל און געהאַט דעם ווילן זיך צו פּוצן . . .

איז זי אַוועק אין רייכע הייזער, אַוועקגעגעבן אירע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַלס אויפזעערין איבער קליינע קינדער, פאַרן פאַרדינטן געלט האָט זי זיך געקליידט.

זי האָט אויך ליב געהאַט צירונג, נאָר זיך נישט געקאָנט דערלויבן אויף אַזאַ גרויסן לוקסוס.

געהאַט חברטעס, וואָס האָבן עס יאָ געהאַט און זי איז זיי געווען מקנא . . .

ווי נאָר זי איז אַלט געוואָרן זעכצן, נאָכן פאַרענדיקן די שול, האָט זי מיטן ביסל בילדונג שוין זיך געזוכט אַן אַרבעט פון וואָס צו קאָנען לעבן.

זי האָט, צום גליק, געפונען די אַרבעט אַלס געהילף־סעקרעטאַרין

אין אַ מעבל־פֿאַבריק, וואָס האָט זיך פּונקט דאַן געניייטיקט אין מענ־טשען. ס'איז געווען אָנהייב צווייטע וועלט־מלחמה און די מענער־אַנגעשטעלטע פֿון אָפּיס האָט מען צוגענומען אין דער אַרמיי. פֿאַר־טראָטן האָט מען זיי דאַן מיט פֿרויען און יונגע מיידלעך פֿאַר אַ ביליקן אַרבעטס־לוין . . .

אין דער פֿאַבריק האָט זיך ראָזע באַקענט אין אַ געווויסן טאָג מיט אַן אַרבעטער. ס'איז געווען אַ מאַן אין אָרעמע קליידער, וואָס האָט געמאַכט אויף איר דעם איינדרוק פֿון אַ גרויסן קבצן.

ראָזע, וועמען די אָרעמקייט אין שטוב האָט געשראָקן, האָט געוואָלט פֿון איר אַנטלויפֿן . . . זי האָט געשטרעבט צו טאָן אַ רייכן שידוך . . . און דער פֿאָרשלאָג פֿון אַרבעטער אויף אַ ראַנדעוואו אָפּ־געוואָרפֿן.

אָבער געשטווינט האָט זי פֿון זיין דרייסטקייט, ווען דערהערט דעם זעלבן פֿאָרשלאָג אַ צווייט מאָל.

עס האָט איר פֿאַרדראָסן, וואָס נאָר אַ מאַן אין אָרעמע קליידער מאַכט איר אַזאַ פֿאָרשלאָג . . . אָבער זי האָט געשמייכלט . . . העפֿלעך אָפּגעזאָגט . . .

איין מאָל, טראַכטנדיק פֿון אים, איז איר געקומען אין געדאַנק איר שוועסטער עמאַ, וואָס איז נאָר איין יאָר יינגער פֿון איר.

ווען אַ דריט מאָל דערהערט אים ריידן, האָט זי אים איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב און טאַקע באַקענט מיט עמאַ.

בשעת מעשה האָט זי נישט געגלויבט, אַז איר שוועסטער וועט אַרויסווייזן אַן אינטערעס צום מאַן, וואָס קאָן זיך אָפּילו נישט אויס־שמועסן אין ענגליש און זעט אויס אַזוי נעבעכדיק, אָרעם . . .

ראָזע האָט עס נישט געגלויבט און אויך טאַקע נישט געוואָלט, אַז עס זאָל געשען . . .

אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער אַנדערש:

אין אַ גאָר קורצער צייט זיינען פֿאָרגעקומען זייערע תּנאָים.

דאָס איז געווען אַרטור שאַפּירא.

באַלד נאָך דער חתונה האָט אַרטור, צו ראָזעס דערשטוינונג,

פאַרלאָזט די פאַבריק און אַוועק אין אַ ריעל־עסטעיט קאָמפּאַני *) אַלס אָנגעשטעלטער. ווי נאָר ער האָט באַקומען עטוואָס דערפאַרונג אין דעם מסחר, האָט ער געפּרואוווט מזל אַליין עס צו פירן: מיט אַביסל געלט, מער געבאָרגט, ווי אייגנס, האָט ער געקויפט אַן אַלטע הייזקע הינטערן שטאָט. דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט. ס'איז געווען מער ווי מזל. ס'איז געווען זיין חוש. דערפילט האָט ער, אַז די געגנט וועט זיך אַנטוויקלען און ווערן אַ טייל פון דער שטאָט. פאַרקויפט די הייזקע, געמאַכט אַ געוויסן פּראָפיט, האָט ער געקויפט אַ צווייטע. דאַן — אַ דריטע. ער האָט זיך גענומען גיך אַרויפאַרבעטן.

אין משך פון די לעצטע פיר־פינף יאָר איז איר שוואָגער אַרטור שאַפּיראָ אַן אונטערנעמער פון בויען אַפּאַרטמענט־הייזער אויף שיינע גאַסן אין טאָראָנטאָ.

און זי, ראָזע?

זי איז נישט געגאַנגען פאָראויס, אַפילו נישט אויף איין טראָט.

דאָס לעבן פאַר איר איז ווי אַ שטייענדיק וואַסער.

זי דערמאָנט זיך פון די שידוכים, וואָס זי האָט געקאָנט טאָן, אָבער זיך נישט דעצידירט . . .

איצט, מיטן אָנקומען פון יהודה שאַפּיראָ, איז, צוזאַמען מיטן דראַנג צו אים ווי צו אַ מאַן, אויפגעגאַנגען אין איר די האָפענונג, אַז זי וועט דעריאָגן אין לעבן דאָס וואָס זי האָט פאַרלוירן . . .

הלוואַי . . .

עמאָ, איר שוועסטער, האָט גוט פאַרשטאַנען אירע געדאַנקען...

זי האָט אויפגענומען איר שוואָגער ברייט־האַרציק, געהאָפט אַז ער, יהודה, וועט געפעלן ראָזען.

אַ ביסל צייט איז אַדורך. יהודה האָט באַקומען אַרבעט, זיך גע־דונגען אַ צימער, געלעבט זעלבסטשטענדיק. ערשט דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרברענגען מיט דעם פיין־געקליידטן מיידל, באַזוכט

*) ריעל־עסטעיט — אַ מסחר פון באָדן און וואוינונגען.

אַלע שיינע ערטער פון שטאָט. האָבן זיך צוגעוואוינט איינער צום אַנדערן.

צום סוף — באַשטימט אַ חתונה.

.3

זייער חתונה איז פאָרגעקומען דעם צוועלפטן דעצעמבער פון יאָר 1953. אַזוי ווי נישט אירע און נישט זיינע עלטערן האָבן געלעבט, האָט מען נישט געמאַכט קיין ספּעציעלע צערעמאָניע.

נאָך דער חופּה, איז דאָס פּאָרפאָלק אויך נישט אַוועקגעפאָרן ערגעץ וואו אין אַ האָטעל כדי צו פאַרברענגען דאָרט די ערשטע האָ־ניק־טעג. מען איז שוין נישט אַזוי יונג, און די צייט געוואָלט שפּאָרן. זי אויסנוצן פאַר פּראַקטישע ענינים.

די דירה האָבן זיי געדונגען אין אַן אַפּאַרטמענט־הויז, וואָס האָט געהערט צו דער משפחה, צו אַרטור שאַפּיראָ. געצאָלט דאָס דירה־געלט זייער ביליק, נאָך ביליקער ווי ראָזע האָט עס זיך פריער פאַר־געשטעלט . . .

פאַר אַ טייל פון געלט, וואָס זי האָט זיך פריער אָפּגעשפּאָרט, האָט זי איצט איינגעקויפט שיין מעבל . . . זי האָט עס זייער ליב געהאַט און געהאָפט צו האָבן נאָך אַנדערע שיינע זאַכן אין איר וואוי־נונג.

ווען אַלץ איז שוין געווען פולשטענדיק איינגעאָרדנט, און טאַקע זיך אויך אָפּגערוט צוויי וואָכן, האָט מען אָנגעהויבן קלערן פון תכלית

ראָזע האָט געהאָפט, אַז דאָס וואָס עס איז געשען מיט איר שוואָ־גער אַרטור שאַפּיראָ וועט אויך געשען מיט איר מאַן.

— דאָס ערשטע דאַרף איך דיר זאָגן, מיין טייערער יהודה, אַז די אַרבעט וואָס דו האָסט באַקומען אין שאַפּ, דאַרפסטו פאַרלאָזן: דו וועסט אין שאַפּ נישט דערלעבן קיין גליקן. איך זאָג עס, ווייל איך ווייס. איך האָב עס געזען בא מיין טאַטן: מיין טאַטע האָט אַלע זיינע יאָרן געאַרבעט אין שאַפּ און נישט געקאָנט באַזאָרגן די קינדער

זייערע באַדערפעניש ... גיב אַ קוק אויף מיר, כ׳בין, דוכט זיך, אַ געראָטענע, האָ? וואָס האָב איך דערגרייכט אין לעבן? אַ געהילף־סעקרעטאַרין. פאַרוואָס? אַלס אַרבעטער אין שאָפּ וועלן אויך דיינע קינדער מער נישט קאָנען דערגרייכן ...

יהודה האָט קיין פאָך נישט געהאַט.

דורך די ערשטע חדשים אין קאַנאַדע האָט ער זיך דערנערט פון דער אַרבעט אַלס פּרעסער אין אַ שניידער־שאָפּ. די אַרבעט האָט אים באַפרידיקט אויף אַזוי פיל, וויפל זי האָט אים געגעבן דאָס געפיל פון זעלבסטשטענדיקייט. ער האָט פון איר געקאָנט אויסהאַלטן זיך, אויך אַ ווייב, אַ משפחה. דאָס אַלץ. און אויב ער וואָלט געקאָנט האָבן עפּעס מער אין לעבן, איז פאַרוואָס טאַקע נישט? ... נאָר וואָס ער זאָל טאָן אויף צו פאַרדינען מער, האָט יהודה נישט געוואוסט.

— וואָס דאַרף מען טאָן, ראָזע?

— האַנדלען ...

— מיט וואָס? כ׳בין דאָך נישט קיין סוחר.

— וועסט עס זיין ...

און זי האָט אָנגעהויבן זוכן אין געדאַנק אַ מסחר, אין וועלכן איר מאַן זאָל זיך גוט אַריינפּאַסן.

ווען שוין אויסגערעכנט די אַלע מסחרים מיט וועלכע אַלע מענטשען פאַרנעמען זיך אין איר שטאָט, איז זי געקומען צום אויספיר: אַ „וואַרייעטי״־קראָם. *)

— פאַרוואָס אַ וואַרייעטי?

— ווייל אין אַ וואַרייעטי מוז מען נישט פולשטענדיק קאָנען ענגליש, מען קאָן זיך אַן עצה געבן מיט פאַרקויפן קליייניקייטן און דערביי זיך נאָך לערנען די שפּראַך. צווייטנס זאָגסטו דאָך, אַז דו ביסט נישט קיין סוחר, ליגט טאַקע דער דערפאָלג פון מאַכן געלט אין אַזאַ קראָם, אין האָבן געדולד, אין אָפן האַלטן די טיר געגנוג שעהן אין טאָג. איך וועל דיר העלפן ...

און אָנגעהויבן זוכן אַ וואַרייעטי קראָם.

---

*) „וואַרייעטי״ — אַ מסחר פון פאַרשיידענע קליינע אַרטיקלען.

געפונען, לויט איר איינזען, א פּאַסיקע קראָם, האָט מען זי גע־דונגען. אַ באַגייסטערטע איז זי אַהיימגעקומען מיטן שליסל.

— זאָל זיין מיט מזל! . . .

דעמאָלט האָט ראָזע, כדי זיך נישט איבערצולאָזן אינגאַנצן אָן געלט, פאַרקויפט איר לאַנגע, גילדערנע קייט אויף איינצוהאַנדלען די נייטיקע אַרטיקלען פאַר דער קראָם. מען האָט אָנגעהויבן אָנפירן אין קראָם קאַסטנס מיט סיגאַרעטן, טאַבאַק, ציגאַרן, שרייב־פּאַפּיר, קאָנווערטן, קינדער־שפּילצייג, פיל אַנדערע קלענערע און גרעסערע סחורות. יהודה האָט אָנגעפילט די שענקעלעך פון קראָם און זיך אָנגעהויבן אַריינפּאַסן אין נייעם לעבן אַלס סוחר.

די קראָם האָט זיך געפונען אויף דער באַטהורסט גאַס, אין אַ געדיכט־באַוואוינטער געגנט, מערסטנס פון יידן.

אויף דער זעלבער גאַס, עטלעכע קוואַרטאַלן פון דער קראָם, האָט זיך געפונען דאָס הויז פון זיין ברודער.

אַרטור שאַפּיראָ האָט טאַקע אָנגעהויבן אָפּט אַריינקומען קויפן אַרטיקלען, אַ סך מאָל מער ווי באַדאַרפט, כדי אונטערצושטיצן זיין משפחה.

יהודה האָט פון זיין ברודער גאַרנישט פאַרלאַנגט, פון קיינעם נישט. ער האָט ליב געהאַט זעלבסטשטענדיקייט. געווען איז ער אַ פּלייסיקער, נישט געקאַרגט זיינע כוחות.

און אָנגעהויבן טאַקע פאַרדינען באַלד אין קראָם אויף פּרנסה.

אָבער ראָזעס געדאַנקען, אַ חוץ אויף איר שטוב און קראָם, זיינען אויך געווען קאָנצענטרירט אויף . . . אַרטורס פאַרמעגן . . . געוואָלט אויך דערגרייכן אַ פאַרמעגן . . . נאָר צו דעם האָט זי געשטרעבט.

זי האָט זיך דערווייל אָפּגעזאָגט פון אַ סך לוקסוס־זאַכן, און אַפילו פון האָבן אַ קינד. דערווייל . . . ביז זי וועט שוין האָבן עפּעס דערגרייכט.

עטלעכע יאָר זיינען אַריבער און יהודה האָט זיך אָבער אָנגעהויבן לאַנגווייליקן . . .

— צו וואָס ראָזע, אונדזער אַרבעט, אַז מיר וועלן אַפילו נישט האָבן קיין יורש? . . .

זי האָט שוין אויך דערזען די ערשטע גרויע האָר אויף איר קאָפּ און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר מאַן איז גערעכט.

ס'איז געקומען איר צייט און זי האָט געבוירן אַ זון, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך ביידנס עלטערן — אברהם־יעקב. פאַר ראָזען איז געווען לייכטער אים צו רופן „דזשעיקאָב".

דאָס קינד האָט איר טאַקע געבראַכט פרייד און זי האָט שוין גע־טראַכט וועגן זיין צוקונפט, בפרט נאָך ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז צוליב איר עלטער וועט זי מער קיין קינדער נישט האָבן. דאָס איז ביי איר איין־איינציקער זון . . . און איר גאַנצע ענערגיע איז געפלאָסן אין אָט־דער ריכטונג . . . מען וועט אים דאַרפן געבן אַ גוטע דער־ציאונג . . . מען וועט אים דאַרפן קליידן . . . מען וועט אים דאַרפן שיקן אין אַ פיינער שול, שטודירן . . . מען וועט דאַרפן ביימן די וואוינונג אויף אַ גרעסערער. מען וועט דאַרפן שפּעטער מאַכן אַ בר־מצוה . . . מען וועט דאַרפן אַנדערע זאַכן . . .

פאַלט דער גאַנצער עול איצט אויף יהודהן.

די איינציקע פרייע צייט וואָס יהודה האָט געהאַט פון קראָם איז געווען אַ האַלבער טאָג אין דער וואָך, יעדן זונטיק נאָך מיטאָג.

דעמאָלט, ווען דאָס קינד איז שוין עטוואָס אונטערגעוואַקסן, פלעגט ער אים נעמען אויף שפּאַצירן. מען איז אַוועק אין אַ פּאַרק, אַמאָל אויף אַ פּליאַזשע.

זי, אין אַ גוטער שטימונג, האָט אויך פון דעם הנאה געהאַט.

אַלע דריי, אונטערן פרייען הימל, האָבן זיך אַזוי אָפּגעגעבן מיטן קינד, געשפּילט זיך מיט זיין שפּילצייג, פאַרוואַנדלט זיך אין אַקראָבאַטן, געשטיפט, געלאַכט . . .

עס האָט אויסגעזען ווי די גאַנצע משפחה וואָלט געווען בלויז קינדער . . .

און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען.

.4

איין מאָל, ווען אָנשטאָט שפּילצייג, איז אין יעקבס הענטל שוין געלעגן אַ מעשה-ביכעלע, האָט יהודה אים דערציילט אַ מעשהלע.

ס'איז געווען אַ מעשה'לע פון זיין לעבן בעת דער מלחמה.

— „אַמאָל האָבן מענטשן געלעבט אין אַ בונקער. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די אויגן פון אַ בייזן טיגער. צווישן זיי איז געווען אַ ייִנגעלע. אַ שיין ייִנגעלע. ער האָט שטענדיק געדעדט פון דער זון. ער האָט עס זייער ליב געהאַט. דערמאָנט זיך פון די זוניקע טעג, ווען געשפּילט זיך אויפן גאַס . . . יאָרן זיינען פאַרביי און, ענדלעך, איז דער טיגער פאַרשוואונדן. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון בונקער, אויך דאָס ייִנגעלע. נאָר די זון-שיין האָט ער שוין מער נישט געזען . . . די פינצטערניש פון בונקער האָט פון אים אַוועקגענומען די אויגן . . . ”

יהודה האָט דאָס מעשהלע דערציילט מיט אַ כוונה. ער האָט געוואָלט, אַז דעם זון זאָל נישט פאַרעמד זיין דאָס לעבן פון זיין פאָטער . . .

יעקב האָט זייער ליב געהאַט מעשהלעך און שטענדיק דערנאָך געשטעלט דעם טאַטן פראַגן.

אויך דאָס מאָל. נאָר דאָס פּנימל איז ביי אים געווען איצט טרויעריק.

ראָזע, דערזעענדיק דאָס, האָט געפרעגט:

פאַרוואָס מאַכסטו דאָס קינד טרויעריק? . . .

— נישט טרויעריק. ס'איז דאָס רעאַלע לעבן. איך וויל, אַז ער זאָל עפּעס אָנהויבן וויסן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, אין וועלכער ער האָט פאַרלוירן זיין באָבע, זיין זיידע, פיל אַנדערע קרובים . . . ער איז שוין אַכט יאָר אַלט און דאָס צו וויסן וועט אים נישט ברענגען קיין שום שאָדן אין לעבן.

— ריכטיק, אַכט יאָר. דאַרף מען בעסער טראַכטן פון זיין תכלית. עס רוקט זיך שוין אָן די צייט פון זיין בר-מצוה און מיר האָבן נאָך דערויף גאַרנישט . . .

— ער וועט האָבן אַ בר-מצוה. ער מוז נישט האָבן אַ גרויסע בר-

מצוה.

— יאָ, איך וויל אַ גרויסע. אַלע יידן מאַכן בר־מצוות. מיין שוועס־טער האָט געמאַכט אַ גרויסע . . . איך וויל האָבן אַ גרעסערע . . . ער איז ביי מיר אַן איין־און־איינציקער זון! . . .

און זי האָט גערעדט פון דער בר־מצוה, אויסגערעכנט וויפל עס וועט מער־ווייניקער דאַרפן קאָסטן — וויפל צאָלן דעם רב, דעם חזן, וויפל פאַר די זאַלן אין דער סינאַגאָגע, פאַרן אָרקעסטער און דעם ווייַן, די מאָלצייטן, אַלצדינג. אָ, אַ קאָלאָסאַלע סומע! כדי יהודה זאָל עס דערגרייכן, דאַרף ער זיך גוט אונטערגאַרטלען . . . ווער ווייסט אויף ווי לאַנג . . .

האָט ער, אַנשטאָט ביז ניין אַזייגער, אָנגעהויבן שטיין אין קראָם ביז צען און אויך אויפגעגעבן די זונטיקדיקע נאָכמיטאָגן.

ראָזע, פון איר זייט, זעענדיק אַז פון קראָם איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין פאַרמעגן, איז צוריק אַוועק אַרבעטן אין אָפיס אַלס סעקרעטאַרין, געטריבן פון דער אַמביציע נישט צו זיין הינטערשטעליק . . .

דערפאַר, ווי נאָר זי האָט זיך אומגעקערט פון אָפיס, איז זי אַוועק אין קראָם, מיטגעבראַכט מיט זיך עסן פאַר יהודהן.

יהודה האָט אָנגעהויבן עסן זיינע מאָלצייטן אין אַ ווינקל פון קראָם.

דאָס פּאָרפאָלק האָט איצט זיך זייער זעלטן דערלויבט צו גיין אין אַ רעסטאָראַן, אָדער באַזוכן באַקאַנטע, נישט איינגעלאָדן אין הויז פריינט.

זי האָט אַרויסגעהאָלפן איר מאַן אין די אָוונטן, ספּעציעל אין די וויקענדן, ווען ס'פלעגן קומען מער קונים ווי אין די אַנדערע טעג.

ווען פאַבריקן, ביוראָען זיינען געשלאָסן, אַרבעטן מענטשן נישט, גייען זיי איינקויפן. ווען ער איז געווען מיד, פלעגט זי אים אַהיימשיקן זיך אָפּרוען און זי האָט אים פאַרטראָטן.

* * *

איין מאָל, ווען זי איז געווען אַליין אין קראָם און קיין קונים זיינען פונקט נישט אַריינגעקומען, איז זי געבליבן שטיין ביי דער

אפענער טיר, וואס האט זיך געגרענעצט מיט דער ברייטער באט־הוירסט גאס. אויף א שטח פון דער גאס האבן זיך געזען א ריי אפארטמענט־הייזער. אויף איינינקע פון זיי איז געווען די אויפשריפט „ארטור שאפירא", איר שוואגער.

זי האט זיך באלד דערזען אין קראם, ארומגערינגלט מיט די קליינע שענקעלעך פון סיגארעטן, טאבאק, קלייניקייטן און זיך אנגעהויבן באדויערן . . .

— זיי זיינען רייך און איך וועל שטענדיק זיין ארעם . . .

זי האט זיך דערמאנט די טעג ווען ארטור האט איר געמאכט די פארשלאגן אויף די ראנדעוואוס . . .

זי האט זיך דערמאנט דעם טאג, געווי די שעה ווען זי האט אים פארגעשטעלט פאר איר שוועסטער . . .

עס הייסט, אז זי האט אליין אפגעשטופט פון זיך דאס גליק . . . עס אליין פון זיך אוועקגעגעבן . . .

יהודה איז אנגעקומען.

— זע — ווייזט זי אים מיט דער האנט אויף אן אפארטמענט־הויז אין גאס — ווען דו וואלסט געווען אזוי פעאיק ווי ער, וואלסטו נישט באדארפט שטיין די לאנגע שעהן אין טאג אין דער ענגער קראם! . . .

יהודה האט זייער פיינט געהאט דאס פארגלייכן אים מיט אנדערע מענטשן . . . ער האט נישט געענטפערט. ער האט נאר אויף איר בלויז א בליק געטאן . . .

אין זיין בליק איצט האט זי אויפגעכאפט א קאלטן גלאנץ . . .

זי האט זיך אויפגערעגט . . . זיך צעוויינט . . . זיך צעשריגן . . . ער איז נישט קיין סוחר. קאן אפילו נישט האנדלען אין דער וואריעטי. אט האט זי געזען ווי איינער האט אים באגנבעט, ארויסגענומען א פעקל סיגארעטן פון שענקל און נישט באצאלט. ער באמערקט עס נישט. און אט האט זי ערשט היינט געהערט ווי א קונה פרעגט זיך אויף אן ארטיקל וואס ער האט נישט און ער ענטפערט פשוט „כ'האב עס נישט" . . . , אנשטאט דעם קונה פארזיכערן, אז ער וועט עס באלד

האָבן און דאָס אַרטיקל טאַקע גיך אין קראָם אַריינקריגן . . . אַזאַ סוחר ביסטו! . . . מיין גאָט! . . . מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרמאָגן דיין ברודערס מיסטו! . . .

.5

אַנשטאָט ביז צען אַזייגער, האָט יהודה אָנגעהויבן איצט שטיין אין קראָם ביז צוועלף ביינאַכט.

די לעצטע צוויי שעהן האָבן טאַקע געבראַכט קונים: מענטשן, וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער, מואָווים און אַנדערע פאַרוויילונגס-ערטער, זיינען אַריין אין דער וואַרייעטי נאָך סיגאַרעטן, טאַבאַק, נאָך אַ ליולקע, און אַנדערע אַרטיקלען.

די קראָם האָט אָנגעהויבן געבן נישקשהדיקע פּראָפיטן . . .

ראָזע איז געווען צופרידן.

זי האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן פון אויפגעבן איר אַרבעט. נאָך אַ ביסל צייט און זי וועט עס טאָן. זי וועט, צוזאַמען מיטן מאַן, אויף אַ לייטישן אופן די קראָם אַריינעמען אין אירע הענט אַריין . . . אַריינעמען אַנדערע אַרטיקלען . . .

ווען די פּראָפיטן זאָלן ווייטער אַזוי זיין רעגולער ווי ביז איצט, עס הייסט אָפן האַלטן ביז צוועלף, וואָלט מען אין עטלעכע יאָר שוין דערגרייכט אַ סומע, וואָס וואָלט געסטייעט אויף דער בר-מצוה און אויך אפשר אויף אַ הויז.

יהודה, אָבער, פון די לאַנגע שעהן אין קראָם, האָט אָנגעהויבן זיך פילן מיד און מידער.

ער האָט געבענקט נאָך עטלעכע פרייע שעה.

ער האָט זיך דערמאָנט פון די ערשטע חדשים אין קאַנאַדע, דער שאָפּ, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט. דעמאָלט האָט ער געהאַט שבת-און זונטיק-רו.

דעמאָלט האָט ער אויך געהאַט אַ געזעלשאַפטלעך לעבן.

דעמאָלט פלעגט ער ווען עס איז אַריינקומען אין זיין אַסטראָוו-

צער סאָסייעטי, וואו זיך געטראָפן מיט מענטשן, אַ לאַנדסמאַן, זיך מיט אים דורכגעשמועסט. דערציילט פון זיין לעבן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע אין אָסטראָווצע, פון די הרוגים, פונעם גיהנום, פון די קלעפּ, וואָס ער האָט כסדר געקראָגן פון די עס־עס מענער, אַפילו אויך פון די יידן־פאַררעטער, דער פּאָליציי אין געטאָ, פונעם בונקער וואו ער האָט זיך שפּעטער אויסבאַהאַלטן. ער האָט זיך אַראָפּ־געריסן פון האַרצן, זיך ווען עס איז צעשטרייט . . .

ער האָט זיך אָפט געפילט מיד און געבענקט צו זיין זון, צו יעקב׳ן, מיט וועמען ער פאַרברענגט אַזוי ווייניק. אַזוי ווייניק! . . . ער האָט זיך דערמאָנט פון יענע טעג, ווען ער איז געבוירן, ווען ער האָט אים געהאָלפן גיין שלאָפן, ווען ער האָט אים דערציילט אַ מעשהלע, גע־זונגען אַ לידעלע.

ער האָט געבענקט נאָך דער צייט פון אָוונט־ברויט, ווען ער איז געזעסן מיט זיין זון ביים טיש.

געבענקט נאָך די שפּאַצירן אין פּאַרק. געבענקט נאָך דער נאָ־ענטקייט פון זיינע אייגענע . . . עס איז אין מענטשן אויפגעגאַנגען אַ גרויס רחמנות אויף זיין זון . . . אַ רחמנות אויף זיך גופא . . .

דערפילט האָט יהודה שאַפּיראָ, ווי דאָס לעבן וואָלט אים אריינ־גענומען אין אייזערנע קלאַמערן.

געפילט זיך אַ קרבן.

ער — אַ קרבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה — פון דער ברוטאַלקייט פון מענטש צו מענטש — האָט איצט געפילט דאָס זעלבע אין אַ פרידלעך, רואיק לעבן.

אין דער מידקייט האָט ער פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. אַ סך מאָל האָט ער נישט געקאָנט נעמען אַ ביסן אין מויל.

איין מאָל, ווען ער האָט זיך געפילט פּאַסקודנע, איז ער אַוועק צו אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אים באַטראַכט. געוואָרנט, אַז ער מוז האָבן אָפּרו. פרישע לופט.

— נאָך נישט איצט, דאָקטאָר. איצט פאַרשרייבט מיר נאָר אַ רפואה צו פאַרבעסערן מיין אַפּעטיט.

האָט דער דאָקטאָר דערפילט דעם וואונטש פון זיין פּאַציענט.

יהודה האָט אָנגעהויבן נוצן די רפואה, שלינגען די פּילן, וואָס האָבן געהאָלפן... אָבער דעם אַפּרו אָפּגעלייגט אויף שפּעטער...

שפּעטער... שוין נישט לאַנג... זאָל נאָר אַדורך מיין זונס בר־מצווה

— אַ, וועט זיך דעמאָלט מיין לעבן ענדערן, כ'וועל פאַרשליסן די קראָם אויף פיר וואָכן, ניין, אויף גאַנצע זעקס וואָכן. פאָרן דע־מאָלט מיט מיין ראָזען אין שענסטן זומער־אָרט, אין אַ האָטעל אין מאַסקאַקאַ, געניסן פון דער לופט, גאָרנישט טאָן, עסן, טרינקען, זיך באָדן...

עס האָט דער קרעמער געחלומט פון אַן אַפּרו, ביז איינמאָל...

עס איז געווען אין אַ מאָמענט ווען ער האָט אויפגעעפנט קאַסטנס סחורה, זיי אַריינגעשטעלט און אויסאָרטירט אין די אַלע שענקעלעך ביי די פיר ווענט. פלוצעם, שטייענדיק אַזוי ביי אַ וואַנט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, האָבן פאַר זיינע אויגן אָט די שענקעלעך, די סיגאַרעטן, דער טאַבאַק, דאָס שפּילצייג אָנגעהויבן שפּרינגען, טאַנצן דרייען זיך ווי אַ ראָד, פאַרוואַנדלען זיך אין שוואַרצע ווערעמלעך וואָס קריכן, שניידן זיך אַריין אין זיין לייב, פרעסן שוין זיין בלוט... דערביי האָט דאָס האַרץ אַ שניט געטאָן ווי אַ חלף.

קונים, וואָס זיינען אַריין אין קראָם, האָבן דעם קרעמער דער־זען אויפן דיל און גערופן די „גיכע־הילף".

ס'איז פּונקט געווען ראָזעס אויסגעחלומטער, מזלדיקער טאָג — דער טאָג, ענדלעך, ווען זי איז אַוועק אין דער גרויסער סינאַגאָגע „בני ישראל" צו דינגען די זאַלן פאַר איר זונס בר־מצווה.

אומקערנדיק זיך אין קראָם, האָט זי זי געטראָפן פאַרשלאָסן. אַ גוטער שכן האָט איר אָפּגעוואַרט, געגעבן דעם שליסל, דערציילט די בשורה, אַז יהודה שאַפּיראָ געפינט זיך אין שפּיטאָל מיט אַ האַרץ־אַטאַקע.

זי איז אוועק   אהין, זיך צעוויינט, זיך געריסן אריינצוגיין אין צימער פון קראנקן מאן.

די קראנקן־שוועסטער האט איר קוים פארהאלטן.

— „דער פאציענט מוז האבן רו, טאר קיינעם נישט זען! . . . "

זי איז נישט אפגעטראטן, געבליבן אין קארידאר, געווארט נעבן זיין טיר א גאנצע נאכט.

פארטאג, ווען יהודה האט דערהערט דורכן טיר - שפאלט זיין ווייבס קול, האט ער געבעטן דעם דאקטאר איר אריינלאזן.

זי איז אריין, א כאפ געטאן זיין האנט אין אירע, געוואלט עפעס זאגן, נאר נישט געווען בכוח . . . אנשטאט דאס, האט זי געהערט איר מאן, ער האט געבעטן אויף שטום־לשון ברענגען זיין זון.

זי איז געלאפן נאכן זון.

אומקערנדיק זיך, איז שוין באלד געווען נאך אלעמען.

ראזע האט נאר באוויזן זען די לעצטע באוועגונגען פונעם גוסס־דיקן מאן, ווען זי אליין האט געגעבן דעם שליסל צום מסחר.

דער ריינער אַריער

עס איז געווען פאַר זיין גאַנצן קרייז פריינט אַ גרויסע איבער־ראַשונג ווען יאָהאַן שמידט — אַ געוועזענער אָפיצער פון דער דייטשישער אַרמיי און איצטיקער גייסטיקער פירער זייערער — איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי שטאַרק קראַנק, אַז ער האָט געפרואווט מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן.

די איבערראַשונג איז טאַקע געווען גרויס, אָבער די סיבה פון אַט־דעם שריט איז קיינעם נישט געווען באַוואוסט, אַ חוץ איין איינציקן מענטשן — דר. ווילהעלם האופטמאַן, וועלכער, צוליב זיין קראַנק האַרץ, ליגט שוין אויפן טויטנבעט.

פאַרן דאָקטאָר ווילהעלם האופטמאַן איז די פּלוצעמע ירידה פון זיין קאָלעגע יאָהאַן שמידט נישט געווען קיין שום סורפּריז . . . ער האָט עס, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, געקאָנט פאָראויסזען . . .

אָנגעהויבן, ווי ער, דער דאָקטאָר געדענקט עס, האָט זיך דער ענין מיט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער און יאָהאַן — ביידע סאָלדאַטן מיט אַ סטאַזש הינטער זיך — האָבן זיך באַטייליקט אין אַ שלאַכט.

ס'איז געווען אין פּוילן, אין 1942, ווען דייטשלאַנד האָט אויס־געשפּרייט אירע אַרמייען איבער אַ סך לענדער פון אייראָפּע. דעמאָלט, אין אַ טאָג פון אָקטאָבער, איז דער קאַפּיטאַן מיט דערפאַרונגען, יאָהאַן שמידט, אַרויסגערופן געוואָרן צום שטאַב און באַקומען אַ נייע מיסיע צו פאַרניכטן אַ געוויסן פּאַרטיזאַנישן כוח, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין וואַלד „נ" — אַ וואַלד נעבן הויפּט־שאָסיי, דורך וועלכן מען האָט טראַנספּאָרטירט אַ גרויסע צאָל דיוויזיעס אויפן וועג צום מזרח־פראָנט, קעגן די רוסן.

יאָהאַן שמידט, וואָס האָט זינט פּוילן איז אָקופּירט זיך געפונען די גאַנצע צייט אויף דער זעלבער טעריטאָריע, האָט שוין נישט איין מאָל אויסגעפירט אַזאַ, אָדער אַן ענלעכע מיסיע. ער איז געווען הויך געבויט, גלייך, ריין, פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חוש פון דערפילן, דער־טאַפּן אַ פאַרבאַהאַלטענעם שונא, פאַר וואָס זיין ברוסט איז באַצירט מיט די העכסטע אויסצייכענונגען פון דער היטלער־מאַכט.

כדי אויסצופירן אָט די לעצטע מיסיע זיינע האָט מען אים צוגע־טיילט פיר און פערציק אויסגעשולטע שטורעם־סאָלדאַטן, צוויי אונ־טער־אָפיצערן און דעם כירורג האופטמאַן.

ווילהעלם האופטמאַן, דערנענטערנדיק זיך פערזענלעך צו יאָהאַן שמידטן, האָט דערפילט אין אים דעם שטאָלץ פון נאָבעלן דייטש,

דעם ריינעם אריער, דעם העכסטן מענטש פון אָט־דער צייט . . .

ביינאַכט, אונטער אַן אויסגעלאָשענעם הימל, איז מען אַריין אין וואַלד און פאַרנומען פּאָזיציעס.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן אין פריען פאַרטאָג. אַ קאַמף אַ פאַרביטערטער . . . די גרופּע, יאַהאַנס, האָט זיך צעשאָטן, זיך פאַר־מירט אין אַ פּאָדקאָווע מיט די צוויי פאַראויסגערוקטע פליגלען. קאַנטיק, אַז יאַהאַן שמידט האָט געוואָלט נישט בלויז באַהערשן, באַ־זיגן די באַנדע, דעם באַהאַלטענעם שונא, וואָס פאָלט אַן כסדר אויפן רוקן פון דייטש, נאָר אויך אים אַריינקריגן אַ לעבעדיקן, כדי שפּעטער, ווי ער האָט עס שוין געטאָן אַ סך מאָל, אָט די פּאַרטיזאַנער אויפהענגען אין די דערפער פאַר אַלעמענס אויגן און אָנוואַרפן אַ פּחד אויף דער באַפעלקערונג . . . זי זאָל זיין אונטערטעניק דער נייער, פון גאָט באַ־שערטער נאַצי־מאַכט . . .

דער קאַמף האָט זיך אָבער פאַרצויגן.

ערשט פאַרנאַכט, ווען אין וואַלד האָט שוין דער גרינער מאָך געגרויטלט זיך פון בלוט, איז יאַהאַן שמידטן געלונגען די געבליבענע רעשט זעלנער פון זיין גרופּע צו באַוועגן עטוואָס פאָראויס, און צו באַהערשן דעם לינקן שטח פון דרום־טייל וואַלד. און דעמאָלט, אָט דעמאָלט גראָד איז עס געשען . . .

יאַהאַן שמידט האָט באַקומען אַ קויל, זיין קערפּער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, געבליבן הענגען אויף אַ קוסט.

און דאָס, קאַנטיק, איז געווען זיין מזל, ווייל עס האָט געקאָנט זיין ערגער . . . ווען ער פאַלט, למשל, אַריין אין אַ טאָל, וואָלט אפשר דער דאָקטער, גאַנץ מעגלעך, אים נישט באַמערקט . . .

ווילהעלם האָופּטמאַן איז צו זיין קאָמענדאַנט גלייך צוגעלאָפן, באַטראַכט זיין וואונד.

די קויל, וואָס איז אין אים אַריין, גראָד נעבן האַרצן, איז אַרויס דורך אַ זייט. די וואונד האָט גענומען שטאַרק בלוטיקן.

נאָך דעם ווי דעם דאָקטאָר איז נאָך לאַנגער מאַטערניש, ביים

קארגן אוונט-ליכט, געלונגען צו פארהאלטן דאס בלוט, איז דער קאפיטאן געווען כמעט א טויטער.

ראטעווען וואלט אים געקאנט נאר א טראנספוזיע.

וואו נעמט מען בלוט?

פירן אים אין שפיטאל, איז די סכנה, אז ער קאן אויפן וועג אויס-גיין . . .

און ווי דער דאקטאר טראכט אזוי, מיטן פנים איבערגעבויגן צום פארוואונדעטן, דערגייט צו זיין אויער א קרעכץ פון ווייטן.

ער קוקט זיך ארום, נעמט פויזען, און אנטדעקט א פארוואונדעטן פארטיזאן, א טונקל-הויטיקן, מיט אפענע אויגן — אויגן ווי אין גסיסה . . .

אין דאקטארס מוח האט א שנייד געטאן דער געדאנק צו ראַ-טעווען זיין קאמענדאנט.

ער האט גענומען ציען בלוט פון איין פארוואונדעטן און איבער-געגאסן עס אין צווייטן.

דער מענטש מיט די אפענע אויגן האט זיך געראנגלט אין גסיסה... אט-די אויגן הייבן אן קוקן אויפן דאקטאר, שרעקלעך . . .

אבער געפרייט האט זיך דער כירורג ווען די ארבעט זיינע איז נישט געגאנגען פארלוירן. די טראנספוזיע, צו זיין גליק, איז געלונגען.

שפעטער איז דער פאל אפילו אנגעקומען אויך אין שטאב, פאר וואס ער, ווילהעלם האופטמאן, איז געווארן באלוינט, אנגעהאנגען אויף זיין מונדיר דעם „אייזערנעם קרויץ" — די העכסטע אויסציי-כענונג פון אט די דאזיקע טעג.

אויך זיין קאמענדאנט, יאהאן שמידט איז געשטיגן צו דעם ראנג פון מאיאר.

★ ★ ★

פון דעמאלט ביז היינט זיינען שוין טאקע אפגעפלאסן גאנצע פינף און צוואנציק יאר.

איצט, יאהאן שמידט, שוין א פאפציקער, געפינט זיך אין זיין

וואוינונג, אַ באַקוועמע וואוינונג אויף דער מילך־שטראַסע אין מינכען. ער זיצט ביים טיש. ס'איז פרילינג. אַ גאָלדענער, לויטערער פרי־מאָרגן. שבת. עסט געמיטלעך זיין פרישטיק.

נעבן אים — די פרוי זיינע, מאַריאַ.

זי, מאַריאַ, קוקט גאָר אויס ווי זיינע אַ טאָכטער—זייער יונג, אין־גאַנצן דרייסיק יאָר.

מאַריאַ איז געבליבן אַ קינד אָן טאַטע־מאַמע, ווען יאָהאַן האָט זיך אומגעקערט אין מינכען. אויפן גאַס, נאָך דער מלחמה, בלאָנקענ־דיק אָן איינזאַמער, אַ טרויעריקער, אַנטוישטער, אין אַ פאַרביטערטער שטימונג, האָט ער זיך פּלוצעם דערמאָנט פון זיינער אַ קוזינע — אַוועק צו איר און זי געטראָפן אַליין.

— וואו איז דער טאַטע? די מאַמע?

דאָס מיידעלע ענטפערט, אַז זיי זיינען געשטאָרבן פון טיפוס.

ער האָט דאָס מיידעלע גענומען צו זיך, דערצויגן זי אַ דיסציפּלי־נירטע, אַן אונטערטעניקע . . .

באַוויזן זיך דערנאָך אין קרייז פון זיינע פריינט מיט איר.

איצט, אין איר פולער שיינקייט, אַ גראַציעזע, דערלאַנגט זי אים זיין פרישטיק.

נאָכן פרישטיק, זי איז שוין צו דעם צוגעוואוינט, אַלע שבת אַזוי, טוט ער זיך אָן דעם שענסטן, אויסגעפּרעסטן אַנצוג. ער גרייט זיך אַוועקצוגיין. דאָס מאָל אויף אַ מיטינג לייענען זיינעם אַ פאָרטראַג, וואָס ער האָט נעכטן געשריבן ביז שפּעט ביינאַכט. דאָס איז ער, יאָהאַן, דער גייסטיקער שפּייזער פאַר דער נייער נאַצי־פּאַרטיי אונטערן נאָמען „נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי". דאָס רופט ער זיין דייטשלאַנד נישט אונטערגעבן זיך דעם יאוש . . . דאָס אַרבעט ער, יאָהאַן שמידט, אויפצופלאַקערן דעם אַלטן פּאַטריאָטיזם פאַר אַ שטאָלץ און מעכטיק דייטשלאַנד! . . .

שוין אָנגעטאָן, לאָזט ער זיך צו דער טיר. דאָן טראָגט מאַריאַ אים צו זיין טעקע, ווי שטענדיק, ווייל ער האָט די טבע פון פאַרגעסן . . . ער פאַרנייגט זיך און לאָזט זיך אַרויסגיין.

אין דעם מאָמענט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער בריוו-טרעגער.

דאָס מאָל איז עס געווען אַ רעגיסטרירטער בריוו, פאַר וועלכן יאָהאַן דאַרף אונטערשרייבן.

יאָהאַן, כאָטש יאָגנדיק זיך, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קאָנ־ווערט, געזען, אַז ס׳איז פון האַמבורג, פון זיין אַמאָליקן פריינט דר. ווילהעלם האָופטמאַן, וועלכער האָט אַמאָל, דערמאָנט ער זיך איצט, געראַטעוועט זיין לעבן.

זעענדיק אַז ס׳איז פון אים, האָט ער דעם בריוו געעפנט און גע־נומען שטייענדיקערהייט לייענען.

ער לייענט און בשעת מעשה ענדערט זיך זיין פנים — עס ווערט טונקל, שוואַרצלעך, דאַן רויט, ווי אין אַ פייער, באַשאָטן מיט פונקען און אַש . . . באַלד אָבער ווערט ער בלייך, נאָך בלייכער . . . און שוין — וויים, ווי אַ פאַרחלשטער, אָדער אַ טויטער . . .

— וואָס איז, יאָהאַן? — פרעגט זי.

ער ענטפערט נישט.

★ ★ ★

פאַראַן אַ פיין, אַזאַ, וואָס דער מענטש קאָן זיך בשום אופן נישט טיילן, נישט דערציילן אַפילו דעם נאָענטסטן . . .

דאָס איז דער ערגסטער פיין, דער שרעקלעכסטער עונש . . .

און דאָס האָט איצט געטראָפן יאָהאַנען.

כאָטש נאָך האַלטנדיק דעם בריוו , האָט ער שוין גאָרנישט גע־זען, אַפילו נישט די שריפט גופא. די אַלע אותיות האָבן זיך אונטער זיינע אויגן אויסגעמישט אין איין גרויסן שוואַרצן פונקט, אַזאַ ווי דער וואַלד, אין וועלכן ער איז געוואָרן פאַרוואונדעט.

איצט די וואונד, פילט ער, איז פיל שטאַרקער . . . געפערלע־כער . . . שרעקלעכער. ס׳איז ממש אַ סוף . . . נאָך ערגער — ס׳איז ווי אַ דונער וואָלט אַריין אין מוח . . .

ער הערט איצט נישט מאַריאַן. שטייט נאָך אַלץ אומבאַ־

װעגלעך, װי אַ סטאַטוע, אַ דורכגעלעכערטע, אַ פּאַראַסטעטע. אַלץ אין אים, פילט ער, ציטערט. יאָהאַן פילט זיך אין קאַנװאולסיע. אַנשטאָט ענטפערן, מאַכט ער אַ שפּאַן צום װאַנט, שפּאַרט זיך אָן...

★ ★ ★

אויפגעװעקט האָט יאָהאַנען איר שטים אין טעלעפאָן בעת זי האָט גערופן אַ דאָקטאָר.

דאָס װאָרט דאָקטאָר האָט אים נאָך מער דערשראָקן... װאָס װעט ער אים זאָגן?... — טראַכט ער ביי זיך.

„ניין, נישט אַ דאָקטאָר, קיינעם נישט!..."

דער געשריי איז געקומען פּלוצעם... און זי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן...

— פאַרװאָס?...

ער ענטפערט נישט...

זי פאַרשטייט נישט...

באַגריפן האָט אָבער מאַריאַ, אַז איר יאָהאַן איז געװאָרן קראַנק. מען דאַרף אים העלפן, העלפן... װי אַזוי?...

פּרואװט זי צו אים ריידן גוטע רייד, אויספרעגן... אָבער עס האָט נישט געהאָלפן... די שרעק פאַר אַ דאָקטאָר איז געװאָרן מיט אַמאָל אין אים אומאויפהערלעך...

און װאָס מער עס װאַקסט אין אים אָט די שרעק, מער איז זי געװאָרן אַ דערשראָקענע...

צום סוף בעט ער זיך, אַז ער װיל זיין אַליין, אָפּרוען זיך אין זיין צימער.

און איז אַריין אין זיין אַרבעטס־צימער, דאָ װאו ער פלעגט גע־װיינלעך שרייבן זיינע פּאָרטראַגן און אויך אַרטיקלען. דאָ, זיצנדיק, באַ־טראַכט ער נאָכאַמאָל אָט דעם בריװ, קוקט אויף דער טעקע, נעמט אַרויס דעם נישט געלייענטן רעפעראַט, קוקט אויף אים, און אַנשטאָט היינט אים לייענען, פאַרברענט ער אים... קוקט אויפן אַש... פונקט אַזוי איז אויך ער איצט, אַש...

— מיין גאָט! . . .

און ער לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ אויף די קני, באַדעקט מיטביידע הענט.

מאַריאַ, נישט זעענדיק אים ארויסגיין פון צימער, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר.

ער ענטפערט נישט.

די שרעק אין איר איז געשטיגן . . . האָט זי געקלאַפּט שטאַרקער . . .

די שרעק אין איר איז נאָך מער געשטיגן . . .

צום סוף, באַהערשט שוין פון איר, האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ האַמער קלאַפּן אויפן שלאָס.

— יאָהאַן! . . .

ענדלעך האָט זי דערהערט זיינע טריט.

און אַנטקעגן איר זיינען געהאָנגען איצט יאָהאַנס אויגן, שרעקלעכע . . . אויגן ווי פּיילן, גליענדיקע פייערן. זי האָט אין זיי נישט געקאָנט אריינקוקן . . .

— יאָהאַן . . . דערצייל דיין פרוי . . . וואָס פּלוצעם האָט מיט דיר פּאַסירט? . . . לאָמיך וויסן . . . לאָמיך דיר העלפן! . . .

זי האָט געוואָלט, מאַריאַ, אַפילו אוועקגעבן איר לעבן פאַר אים . . . ווייל מיט אים האָט זי געהאַט גליק. געבליבן איז איר נאָר איין יאָהאַן! . . .

זי האָט זיך צו אים געלאַשטשעט, אים געהאָלפן אויסטאָן דעם שטייפן קראַוואַט, דאָס רעקל, די שיך, קוים אים איינגערעדט ער זאָל גיין אין בעט אריין. געבעטן האָט זי אין הארצן אַז ער זאָל זיך באַרואיקן, און איז נישט אָפּגעטראָטן פון בעט . . . געהאָפט אַז ווען ער וועט איינשלאָפן, וועט זי זיך באַראַטן מיט וועמען . . .

יאָהאַן איז אָבער נישט געשלאָפן, און ער האָט זיך נישט באַרואיקט . . .

פאַרקערט, זיינע אויגן ווערן שרעקלעכער . . . קוקן אויס מאָדנע, ווי, צו איר דערשטוינונג, ביי אַ גזלן, פול מיט שרעק . . .

גלאַציקע אויגן, וואָס דריקן אוים נאָר שרעק. אַזעלכע אויגן קאָן מען נאָר טרעפן ביי אַ גזלן בעת מען כאַפּט אים ביי דער האַנט . . .

— פאַר וואָס שרעקסטו זיך אַזוי, יאָהאָן? . . . פרעגט זי ווידער, שוין גלויבנדיק אַז ער וועט נישט ענטפערן . . . און בעת מעשה ווישט זי פון אים דעם שוויים, די אַנגסטן . . .

דאַן ווערט אים ערגער, עס הייבט אָן רינען פון אים אַ שליים, אַ ווייסע שוים . . . און אַלץ — זיין קערפּער, די הענט, די פים — ציטערן . . .

— ווי קאָן איך דיך לאָזן שטאַרבן און נישט רופן אַ דאָקטאָר?, בייסט זי זיך שוין איצט די פינגער . . .

אוים מורא פאַר אַ דאָקטאָר, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן.

צום סוף, ווען מאַריאַ האָט געקעמפט מיט אים, האָט ער דעם טעלעפאָן איבערגעשניטן . . .

דאַ איז מאַריאַ געוואָרן אַ פאַרציטערטע . . .

★ ★ ★

אָבער ער, נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אָפּגעטאָן, האָט זיך געפילט עטוואָס רואיקער.

זי האָט אים דערלאַנגט עטלעכע לעפל זופּ און אים אַרומגעוואַשען מיט אַ נאַסן האַנטוך.

ווי אַזוי מאַריאַ האָט דורכגעלעבט דעם דאָזיקן טאָג — ווייסט זי נישט . . . עס איז געווען דער שרעקלעכסטער טאָג אין איר לעבן . . . די שעהן האָבן זיך געצויגן, ווי אין אַ משוגעים־הויז.

ביינאַכט, ווען עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי שלאָפט, זי האָט אָבער געוואַכט אוים שרעק, איז ער שטילערהייט אַראָפּ פון בעט, מיט די באָרוועסע פים אַריין אין קאָרידאָר, פון דאָרט אין וואַש־צימער, אַ דריי אויף געטאָן דעם קראָן, און זיך געשטעלט אונטערן שפּריץ.

פונקט ווי אַלץ איז פאַר אַט־דער פרוי היינט אַ רעטעניש, אַזוי איז אויך דאָס . . . ווייל נאַרוואָס דוכט זיך, האָט זי אים אַרומגע־וואַשן . . .

אָבער ער, יאָהאַן, ווייסט גענוי וואָס ער טוט . . .

פונקט אַזוי, אונטער אַ הייסן שפּריץ, האָט ער זיך געשטעלט אַמאָל, ווען אים איז, ניט ווילנדיק, אויסגעקומען צו באַרירן זיך אָן דעם קערפּער פון אַ יודע. ווי אַ שטורעם־סאָלדאַט, אַן עס־עס־מאַן, האָט ער זיך באַטייליקט אין די אַקציעס פון „אַריאַניזירונג״ און דעפּאָרטאַציע. יעדעס מאָל, ווען ער באַרירט אַזאַ קערפּער, אָדער ער איז נאָענט פון אים דערפילט יאָהאַן אין זיך עפּעס אַ מאָדנעם ריח, אַן עיפּוש, אַ גרויסן עקל. עס גייט אין יאָהאַן שמידטן אויף אַ נודנע חלשות, ביז ער האָט אויף זיך אַרויפגעגאָסן אַ סך הייסע וואַסערן . . .

איצט טוט יאָהאַן שמידט דאָס אויף אַ פיל גרעסערן פאַרנעם . . . דאָס וואַסער וואָס ער גיסט אויף זיך איצט איז זייער הייס, איז הייסער ווי געוויינלעך . . . און רייבט, רייבט דעם קערפּער, אַז דאָס בלוט קומט אַרויס פון אויבן. ער פילט ווי אין אים קאָכט עס, בריט אונטער דער הויט. אַך, דאָס בלוט! קאָן מען עס וואַשן? . . .

בשעת מעשה, ווען זי איז געווען אַליין, האָט זי נאָכגעטראַכט וועגן דער סיבה פון איר פּלוצעם, ווי פון הימל אַראָפּפאַלנדיקן, אומ־גליק . . . זי האָט זיך דערמאָנט, ערשט איצט דערמאָנט פון בריוו. נאָר נאָך איידער זי האָט אים גענומען זוכן, איז יאָהאַן אַרויס פון וואַש־צימער.

פאַרטאָג, ווען זי האָט אויפגעריסן די אויגן, זי איז געשלאָפן אין גאַנצן עטלעכע מינוט, איז שוין יאָהאַן אין הויז נישט געווען.

זי האָט זיך אַנגעטאָן . . .

מיט צוויי שעה שפּעטער האָט זי אים געפונען. ער איז געזעסן אין גאָרטן, נעבן דער ברייטער גאַס. אַזאַ אומגליקלעכן נפש האָט זי נאָך אין איר לעבן נישט געזען. פּלוצעם שטעלט ער זיך אויף בעת ער דערזעט פאַרבייגיין קינדער, רעדט צו זיי. די קינדער די קליינע שטעלן זיך אוים אין רייען. מאַרשירן . . . ער, יאָהאַן, פאַרנט. —

דערזעט זיך נאָך אַ מאָל אין וואַלד. ער פֿילט די קויל . . . און ווייטיק צעקרומט זיך דאָס פּנים . . . שרייט:

— עס איז נישט אמת! . . .

— וואָס? — פֿרעגט מאַריאַ.

— דאָס, אַז איך בין נישט קיין ריינער אַריער . . .

זי האָט אים אַהיימגעפֿירט.

און נאָך איידער זי האָט באַשלאָסן עפּעס טאָן וועגן אים, האָט ער זיך שוין ווידער געשטעלט אין וואַש-צימער אונטערן שפּריץ.

זי האָט אים נאָכגעקוקט . . . און טאַקע צום צווייטן מאָל האָט יאָהאַן געהאַט מזל . . . זי איז אָנגעקומען אין דער ריכטיקער צייט, ווען ער, שוין מיט אַ ראַזיר-מעסערל אין האַנט, קוקנדיק אַלץ כּסדר אויפֿן בלוט, האָט געוואָלט אָפּטאָן דאָס שרעקלעכסטע . . .

אַרויסרייסנדיק דאָס מעסערל, באַגראָבנדיק אין זיך אַלע אירע ביטערע געפֿילן, האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— פֿאַרוואָס, יאָהאַן?

— ווייל עס שטינקט אין מיר . . .

זי האָט, מיט דער הילף פֿון אַ שכן, אַרויסגערופֿן אַ פּסיכיאַטער, וועלכער האָט אים אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל.

דעמאָלט, ערשט דעמאָלט האָט מאַריאַ געפֿונען דעם בריוו, וואָס איז געווען באַהאַלטן אונטער זיין מאַטראַץ, דעם בריוו פֿון דר. וויל-העלם האָופֿטמאַן און האָט אים איבערגעלייענט:

„טייערער פֿריינט, יאָהאַן שמידט!

איך, נאָכן לעצטן האַרץ-אַטאַק, קאָן לאַנג ניט לעבן . . . פֿאַרן טויט וויל איך זאָגן ווידוי, אַרויסזאָגן דאָס וואָס עס דריקט שוין לאַנגע יאָרן אויף מיין געוויסן. עס איז נוגע דיר, ווען ביסט געווען פֿאַרוואונ-דעט, אין סכּנה צו שטאַרבן. איך, אַלס דאָקטאָר, האָב געפֿילט דעם חוב דיך צו ראַטעווען. צו דעם האָב איך באַדאַרפֿט בלוט. קיין בלוט אין רעזערוו האָב איך אין פּוילישן וואַלד נישט געהאַט! . . . אין יענער פֿאַרצווייפֿלונג, האָב איך, צו מיין גליק, געפֿונען בלוט, דאָס איינציקע מיטל דיך צוריק צו ברענגען צום לעבן . . . עס איז געווען דאָס בלוט

פון אַ פּאַרטיזאַן, אַ פאַרוואונדעטן יידן ... זיינע אויגן האָבן מיך יאָרן לאַנג פאַרפאָלגט ... אָבער נאָך מער — מיין געוויסן ... איצט, דאָס ארויסגעזאָגט, גיי איך רואיק אין קבר ... זיי מוחל! ...

אדיע! ...״

מאַריאַ האָט ערשט איצט באַגריפן איר גרויס אומגליק ... באַגריפן ווי טיף עס איז דאָס אומגליק איבער גאַנץ דייטשלאַנד ...

אויך איצט, ווען זי קומט אין שפּיטאָל אַ קוק געבן אויף איר אומגליקלעכן מאַן, צעקרומט זיך זיין פּנים נעבן איר. זיין שטים שטייגט איבער אַ סך גייסטיקע קראַנקע:

— איך בין אַ ריינער אַריער! ...

פּעדראָ מיט זיינע קיישעלעך

— פּעדראָ, פּעדראָ, — האָט די מוטער גערופן איר זון, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פון טיר צום אַרויסגיין, — פּעדראָ, זאָלסט די צוויי קיישעלעך, וואָס האַלטסט אין האַנט, זען היינט אומבאַדינגט צו פאַרקויפן . . . אין שטוב איז נישטאָ קיין סענטאַוואָ! און דער טאַטע איז קראַנק . . . מען דאַרף אים שפּייזן . . . הערסט, פּעדראָ? . . .

— יאָ, מאַמע! — האָט דאָס יינגל געענטפערט און זיך אויסגע־דרייט, זיך ווייטער געלאָזט גיין מיט די צוויי קיישעלעך אין זיינע הענטלעך אויף דער גאַס.

פעדראָ איז קוים אַכט יאָר אַלט. ער האָט אָבער אויגן ווי ביי אַ גרויסן . . . זיי פאַרשטייען, דוכט זיך, דאָס לעבן זייער . . . טראָגן טראָגט דאָס יינגל הייזלעך ביז צו דער קני, מיט צוויי קיילעכדיקע לאַטעס, דערפאַר — אַ שיין, פאַרביק העמדל צו פילן אויף זיך דאָס פרייע ווינטל.

ער גייט מיט די צוויי קיישעלעך און זינגט זיך:

קיישעלער, קיישעלער,
מיין מאַמע פלעכט
יעדן טאָג צוויי,

און איך גיי,
פאַרקויפן זיי!
האָפּ! האָפּ!

אַזוי זינגט זיך פעדראָ, דאָס יינגל אויף דער גאַס אין דער שטאָט מעקסיקאָ. זינגט זיך אויס ווערטער, וועלכע קומען אים אין זיין גע־דאַנק — ווערטער פון זיין לעבן.

דערווייל האָט אָנגעהויבן גיין אַ רעגן. האָט פעדראָ מוראָ, אַז די קיישעלעך זיינע זאָלן נישט פאַרנעצט ווערן, צעשעדיקט ווערן . . . פאַרבייסט ער זיך מיט אַ ליפּ. ער טראַכט . . . זיין שטערן נעמט־אָן דעם אויסזען ווי ביי אַ גרויסן, פול מיט קנייטשן . . .

צום סוף כאַפּט ער די קיישעלעך אַרונטער אונטער זיין שיינעם העמדל, אַט־דאָ צום הוילן לייב . . .

און זינגט זיך שוין ווייטער:

האָפּ! האָפּ!
כ'לויף ווי אַ גאַלאָפּ!
אונטער אַ רעגן!

אַפילו אונטער אַ האָגל!
איך בין שטאַרקער פון זיי!
ווייל תמיד מוז איך גיין...

ווען פעדרא איז שוין צוגעקומען צו א ברייטן בולוואר, צום בולוואר „רעי־פארמא״, האט ער אנגעהויבן אפּרוען זיך.

דער בולוואר „רעי־פּארמא״ איז, אין זיינע אויגן, אזא לאנגער, אזא גרויסער! דיביימער, די סטאטועס, די פאנטאנען מישן זיך אויס אין זיין געדאנק און שטעלן זיך אים פאר ווי די גרעסטע און שענסטע מוזייען, וואס די וועלט פארמאגט . . . דאס יינגל בלייבט שטיין אנגעשפּארט מיט דער פּלייצע צו א בוים. ער קוקט: קוקט אויף די פארבייגייענדיקע מענטשן, באטראכט די פּנימער, סתם אזוי. ער האט הנאה פון דעם . . . ער ציילט די טראפּנס רעגן, וואס פאלן־אראפּ פון זייערע נאסע נעזער: „טראפּ, טראפּ!״ . . . ער דערזעט נעבן זיך א סטאטוע, וואס זעט־אויס אויך ווי א מענטש . . . א הויכער, א העל־דישער מענטש . . . פון אים רינען אויך טראפּנס רעגן: „טראפּ, טראפּ!״ . . . פעדרא, דאס יינגל, וויל אין זיין געדאנק מאכן א פאר־גלייך: א פארגלייך צווישן די דורכגייענדיקע מענטשן און דעם שטיי־ענדיקן, שטארקן מענטשן . . . הא? און צעלאכט זיך . . . דאס צע־לאכט ער זיך פון זיין באשלוס, אז דער שטייענדיקער מענטש, אפילו ווען ער איז געבויט פון בראנז, פילט נישט, פילט גארנישט ניט דעם רעגן . . .

האפּ! האפּ! — און גייט שוין ווייטער.

ער פאלט.

ער פאלט, ווייל די נאקעטע פיסלעך זיינע גליטשן זיך אויפן נאסן טראטואר.

נאסע טראטוארן האבן נישט ליב קיין בארוועסע פיסלעך.

ער הויבט זיך אויף און טרייסט זיך, אז „עס איז שוין גארנישט קיין סך צו גיין, נאך אינגאנצן א האלבן וועג, איין קילאמעטער . . .״

פונוואנען ווייסט פעדרא, אז ער האט נאך צו גיין צו זיין „מארק״ פון קיישעלעך איין קילאמעטער — אז עס איז נאך פונדאנען איין קילאמעטער?

ער ווייסט, ווייל ער געדענקט, ווייל זיין טאטע האט עס אים געזאגט.

און אַז זיין טאַטע זאָגט, ווייסט ער. זיין טאַטע איז אַ געלערנטער מאַן . . .

און דערמאָנענדיק זיך אין טאַטן, באַוואונדערט ער אים . . .

ווען דאָס ייִנגל דערמאָנט זיך פון זיין פאָטער, דערמאָנט ער זיך אויך אין מענטשן מיט ביכער אין די הענט. ער דערמאָנט זיך אויך אין ייִנגלעך, וואָס גייען אין שול. ער קען זיי; זיי וואוינען לעבן אים.

טרעפט אָבער אויך אַמאָל, אַז זיי חוזק־אַפּ פון אים, שטעקן אַרויס צו פעדראָן אַ צונג מיט אַ גרויסן „מע־ ע־ע"; „אייזל"!

פעדראָ ווייסט ביי זיך פאַרוואָס זיי רופן אים „אייזל"; ער קאָן זיך אָבער נישט איינהאַלטן; עס טוט אים וויי, און ער גייט אַהיים פאַרקלאָגן זיך פאַר דער מאַמע . . .

און די מאַמע קוקט אים אָן. זיין מאַמע קוקט ערשט ריכטיק אויף אים אין אַזאַ מאָמענט . . . זי שווייגט . . . אירע הענט הערן־אויף דאָס פלעכטן די קיישעלעך אויף אַ מינוט. זי רעדט גאָרנישט . . .

זי איז שטענדיק, זיין מאַמע, אַ שווייגנדיקע . . .

ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם, פאַרדריסט אים, און ער טראַכט: ווען ער וואָלט, אַשטייגער, געווען אַ לערער דאָרט אין שול, וואָלט ער נישט נאָר אַריינגעלאָזט ייִנגלעך, וואָס חוזקן פון אַנדערע . . . נאָר אויך ייִנגלעך, וואָס האָבן נישט קיין צייט צו גיין אין שול, וואָס האָבן נישט קיין העפטן און ביכער, נאָר גייען אויפן מאַרק פאַרקויפן קיישעלעך . . .

ער באַוואונדערט ווידער זיין טאַטן, וואָס ער קאָן ציילן דעם וועג אויף קילאָמעטער . . .

ער וויל אויך ציילן, און ציילט אויף זיין אייגענעם אופן . . . ער הויבט די פיס און ציילט די טריט: „איינס, צוויי, דריי . . ." איידער ער ציילט אָבער אָן ביז הונדערט, ווערט ער מיד . . . עס איז פאַר אים אַ צו־אָנגעווייטיקטע פאַרווײַלונג . . .

אָנשטאָט טריט, ציילט ער שוין געלט — געלט, וואָס ער וועט האָבן שפּעטער נאָכן פאַרקויפן זיינע צוויי קיישעלעך.

„פאַר איין קיישעלע וועל איך נעמען, אַשטייגער, צוועלף

פעסאס . . . פארן צווייטן, לאמיר זאגן, זיכער, אויך אזוי, אויב עס וועט זיך מאכן א גוטער קונה . . . צוזאמען וועט דאס זיין אזא גרויסע סומע! הו, מיין מאמע וועט רייך ווערן״ . . .

דאס יינגל פעדרא ווערט פון אזא געלט-ציילן אויך מיד.

דער הימל האט זיך אויסגעלויטערט.

* * *

דער „מארק״, וואו פעדרא קומט-אן איז א טראטואר אויף דער „זשענעווע״-גאס. דאס איז א גאס אין דער שטאט מעקסיקא ,וואו עס געפינט זיך אויך א פארקער פון טוריסטן. דאס איז דאס ארט, וואו פעדרא ווייסט צו גיין צו פארקויפן די קיישעלעך.

ער שטעלט זיך אוועק אויפן טראטואר.

עס איז נאך אבער פרי; מען זעט נאך נישט קיין געדיכטן פארקער פון מענטשן.

פעדרא וואונדערט זיך: ווי קומט דאס, וואס איך האב זיך אויפגעהויבן אזוי פרי היינט? . . .

דערווייל קומען-אן אנדערע יינגלעך, יינגערע, עלטערע, מיט פארשידענע זאכן אין די הענט צום פארקויפן. אויך מיידלעך, פרויען האלטן פארביקע זאכן אין זייערע הענט. מען זעט פארשיידענע פארבן. פארבן אויף שטרויענע מאטעריאלן, ווי אויף קיישעלעך, אויף היטעלעך, אויף געפלאכטענע קליינע בענקעלעך, אויף שאכטעלעך, אויף בריוו-האלטערס, אויף אנדערע חפצים ; פארבן אויף הילצערנע מאטעריאלן, אויף שפיל-שטעקעלעך, אויף שאך-מאטן, אויף טעלערס — הענגענדיקע פאר דעקאראציע און נויטיקע, אויף בלומען-האלטערס, אויף קעפטעלעך, אויף קינדער - טישעלעך, אויף שרענקעלעך, אויף סיגארעטן-פושקעלעך, אויף זאלץ-האלטערס; פארבן אויף וואלענע מאטעריאלן, אויף שאלן, אויף שאלעכלעך, אויף טיכלעך, אויף סוועטערס, אויף סאראפעס, אויף טעפיכלעך, אויף פארהענגלעך, אויף אויסגענייטע, אויסגעהאפטענע בלוזקעלעך; פארבן אויף ערדענע מאטעריאלן, אויף אש בעכערס, אויף פיגורן, אויף שיסלען, אויף קאנ-

פעקטן־האַלטערס, אויף טעפּ, אויף מנורות; פאַרבן אויף ליאַלקעס, אויף פּאַיאַצן; פאַרבן אויף זילבערנע מאַטעריאַלן, אויף רינגלעך, אויף קיי־טעלעך, אויף שפּילקעס, אויף אויררינגלעך, אויף שליסל־רינגלעך, אויף גלעזעלעך, בעכערלעך, אויף אַן אַ שיעור חפצים אויסגעגראַווירטע, אויסגעשליפענע, אויסגעקינסטלטע פון געניטע הענט. פאַרבן אויף פאַרבן. די אַלע פאַרבן מישן זיך צוזאַמען און שאַפן אַ רעגנבויגן . . . דער טראַטואַר איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שנור פון פאַרבן.

קולעכלעך פון ייִנגלעך, קולעכלעך פון מיידלעך וועקן - אויף די אַרומיקייט, רופן צו זיך די דורכגייער צו זייערע סחורות. צווישן אַט־די קולעכלעך הערט זיך אויך זיינס, פעדראַס:

„קיישעלער,
הענט־געפלאָכטענע,

פון בעסטן סאָרט!
מיין מאַמעס הענט פלעכטן שיין...״

און אַט קלאַפּט אים פלוצעם דאָס האַרץ: דאָס האָט זיך אַ מענטש לעבן אים אָפּגעשטעלט. פעדראַ מיינט, אַז ער וועט קויפן. אָבער יענער הויבט מיט די אַקסלען און גייט אַוועק.

און אַט קלאַפּט ווידער דאָס האַרץ: נאָר זיין הענטל ווערט מאָ־מענטאַל פאַרפלאָכטן צווישן אַן אַ שיעור אַנדערע הענטלעך, ווייל פונקט ווי ער האָט אויסגעשטרעקט זיין סחורה, אַזוי האָבן אַנדערע ייִנגלעך געשטופּט צום זעלבן מענטש זייערע „שיינע״ קיישעלעך . . . „קויפט!״

נאָך אַזאַ סצענע שלינגט ער אַראָפּ דעם געזאַלצענעם טראָפּן שווייס, וואָס איז געפאַלן פון זיין שטערן אויף זיין ליפּ. פאַרבייסנדיק זיך מיט דער ליפּ מאַכט ער זיך אַ פאָרוואורף אַז ער טויג נישט, ער איז נישט גענוג פלינק . . .

דאָס איז אָבער נישט אמת. פעדראַ איז יאָ גענוג פלינק; ער ווייסט אָבער אַליין נישט, אַז ער איז אַזוי אונטערדערנערט, אַזוי שוואַך, אַז ער האָט פשוט נישט קיין כוח צו שטופּן זיך . . .

צום סוף שטראַלן זיינע אויגן אויף . . . דאָס איז אים געלונגען צו פאַרקויפן אַ קיישעלע. ער קוקט נאָך דעם מאַן מיטן קיישעלע. דריקט שטאַרק אין זיינע הענט די קופּערנע מטבעות פון צען פּעסאָס. איידער ער לאָזט זיי אַראָפּ אין טאַש, טאַפּט ער דאָרט פריער מיט דער אַנדע־רער האַנט, צי די טאַש איז גאַנץ, אָן אַ לאָך . . .

איצט, ווען ער איז אַ דערלייכטערטער, דערמאָנט ער זיך אין זיין טאַטן. דער טאַטע זיינער, צוליב וועמען ער גייט אַזוי פאַרקויפן די קיישעלעך, איז דער שענסטער און בעסטער טאַטע אויף דער וועלט . . . ער געדענקט אים, ווען ער איז געווען שטאַרק, ווען ער האָט זיך אומגעקערט יעדן פאַרנאַכט פון זיין אַרבעט. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן איבער דער שוועל, אַזוי האָט ער פּעדראָן אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט, אויף זיינע אָרעמס, מיט אים געשטיפט, געלאַכט, גע־מאַכט די פריילעכסטע שטיק ווי אַן אַקראָבאַט . . . איינמאָל איז אויך דער טאַטע אַהיים געקומען מיט אַ בילד אין האַנט און עס אויפגעהאַנ־גען אויף דער וואַנט. הו, איז דאָס געווען אַזאַ גרויס בילד . . . די מאַמע האָט זיך אַזש צעקריגט, אַז „מיר האָבן נישט צו קויפן אַזעלכע שיינע בילדער געמאָלן פון דיעגאָ ריווערא". דער טאַטע האָט זיך צעלאַכט, אַז ס'איז אַ רעפּראָדוקציע, און זיך אויסגעדרייט ווידער צו אים, צו פּעדראָ'ן, און געפרעגט:

— וועסטו אויך מאָלן? . . .

— יאָ!

אָבער פּעדראָ האָט נישט געמאָלן . . .

אין יענע טעג האָט עס פּאַסירט, ווען דער טאַטע האָט נישט באַ־וויזן מער אַהיים קומען פאַרנאַכט פון דער אַרבעט.

— מאַמע, וואו איז דער טאַטע?

די מאַמע, ווייסט פּעדראָ, איז שטענדיק אַ שווייגנדיקע . . .

די מאַמע גייט אָבער יעדן פאַרנאַכט אַוועק און קומט צוריק מיט רויטע אויגן . . . „ער איז אין שפּיטאָל, דער טאַטע"..

און זי זאָגט צו אים און צום קליינעם גוסטאַווא, וואָס איז נאָך

צו־קליין צו פּאַרקויפן קיישעלעך: „דער טאַטע איז קראַנק . . . ער קאָן נישט אַרבעטן” . . .

— וואָס האָט פּאַסירט? . . .

— עס איז געווען אַן אומגליק אין פאַבריק . . .

דאָס איז אָבער נישט אמת. נאָך אַ דעמאָנסטראַציע פון די אַר־בעטער, בעת אַ פּאָליציייאישן אָנפאַל, איז דער טאַטע געבליבן ליגן אין אַ האַנט . . .

פעדראָ גייט פון דעמאָלט אָן פּאַרקויפן קיישעלעך . . .

דערמאָנענדיק זיך אין דעם אַלעם, וויל ער גלייך לויפן אַהיים און איבערגעגעבן דער מאַמען דאָס געלט פון דעם פאַרקויפטן קיישעלע . . .

נאָר ווען ער גיט אַ קוק אויפן הימל, דערזעט ער, אַז די זון שטייט נאָך הויך, אַז ער קאָן נישט אַהיים גיין . . . ער האָט נאָך גענוג צייט צו פאַרקויפן דאָס אַנדערע קיישעלע.

טרעפט, אַז דער פאַרנאַכט פאַלט אָבער פריער צו, ווערט ער מיד. זעצט ער זיך אַראָפּ אויף אַ שטיין, אָט דאָ ביים טראָטואַר, און — נישט־ווילנדיק שלאָפט ער איין.

ער שלאָפט. אָבער אין שלאָף הערט ער ווידער דאָס קול: „פעדראָ, פעדראָ, זאָלסט די צוויי קיישעלעך, וואָס האָלטסט אין האַנט, זען היינט אומבאַדינגט צו פאַרקויפן . . . אין שטוב איז נישטאָ קיין סענטאַוואָ! און דער טאַטע איז קראַנק . . . מען דאַרף אים שפּייזן . . . הערסט פעדראָ?” . . .

— —

פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ און קוקן אויף אַ יינגל, וואָס זיצט אויף דער גאַס און שלאָפט . . .



דער שליח

אין מיטן נאַכט, פונקט היינט מיט הונדערט יאָר צוריק, האָט זיך אין הימל פון שטעטל בערני מיטאָמאָל באַוויזן אַ פליענדיקער אָביעקט.

דער אָביעקט האָט אָנגעהויבן אַרומקרייזן דאָס שטעטל און געלאָזט הינטער זיך אַן אויסערגעוויינלעכן גערויש.

עס איז נאָר אַ גרויסער שאָד, וואָס עס איז געווען אין אָט־דער שעה, ווען אַלץ איז געווען איינגעהילט אין שלאָף און קיינער האָט דעם אָביעקט אַפילו נישט באַמערקט.

נאָר דאָס רווישן, פונקט אין דער לעצטער מינוט איז יאָ צו איינעם אָן איינוואוינער, צו רפאל בראַנדאַ, דערגאַנגען . . . מחמת אָט דער רפאל בראַנדאַ איז געווען אַ מאָלער און ליב געהאַט צו מאָלן זיינע בילדער מערסטנס ביינאַכט, איז צו זיין געהער דערגאַנגען עפּעס אַן אויסטערלישער גערויש . . . האָט ער פאַלאָזט דאָס הויז, די אַטעליע.

אויפן גאַס האָט ער געוואָנדן זיינע אויגן צום הימל און גאָרנישט נישט געזען.

האָט ער נאָכאַמאָל, הערנדיק ווידער דאָס זעלבע גערויש, גע־וואָנדן זיינע אויגן צום הימל און באַמערקט אַן אויסערגעוויינלעכע גיכע באַוועגונג.

די באַוועגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיין אויג האָט קוים־קוים געקאָנט נאָכיאָגן דעם אָביעקט . . . אַז פון דער גיכקייט, און דאָס רווישן, איז ער שיעור נישט געפאַלן פון שרעק.

— וואָס איז עס? . . .

אין אָנהייב האָט זיך אָט־דעם מענטשן אויסגעדוכט, אַז עס איז אַ מלאך, הייסט עס ער זעט אַ מלאך.

— ניין! — ער וואַרפט גלייך אָפּ דעם געדאַנק. ער איז נישט אַ הייליקער. אַ פּשוטער בשר־ודם, ווי ער — טראַכט ער ביי זיך — קאָן נישט זען אַ מלאך.

האָט ער ווידער געטראַכט, ביז עס איז אים איינגעפאַלן, אַז עס האָט געקאָנט זיין אַ פויגל מסתמא. עפּעס אַן אויסטערלישער, אוים־לענדישער פויגל האָט זיך פאַרקליבן, פאַרבלאָנדזשעט אין דעם הימל פון זיין שטעטל.

נאָר דאָס האָט אים אויך נישט באַפרידיקט, ווייל דער קלאַנג פון גערויש האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין שום ענלעכקייט פון אַ וועלכער עס איז פויגל־באַוועגונג . . .

וואָס איז עס?

דער אָביעקט איז צוריק באַלד טאַקע פאַרשוואונדן פון שטעטל.
אָבער רפאל בראַנדאַ האָט שוין אין דער נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן.

באַרואיקט האָט ער זיך ערשט, ווען ער האָט אָפּגעמאָלן אַ בילד אין געשטאַלט פון אַ מלאך . . . געמאָלן אונטערן איינדרוק פון געשעענעם.

★ ★ ★

צומאָרגנס אינדערפרי, האָט רפאל בראַנדאַ דערציילט זיינע שכנים, די איינוואוינער פון שטעטל בערני די נעכטיקע געשעעניש, אַז ער האָט דערזען אין הימל עפּעס אַ באַוועגונג . . .

די איינוואוינער האָבן אים אויסגעהערט, אָבער נישט געגלויבט.

פונדעסטוועגן זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פון דעמאָלט אָן געוואָנדן פון צייט צו צייט זייערע אויגן צום הימל, די האָפענונג . . . ווער ווייסט? . . . אפשר טאַקע קאָן זיך באַווייזן אַן אומנאַטירלעך געשעעניש.

מער פון אַלע האָט עס אָבער געטאָן ער גופא, רפואל בראַנדאַ. שטענדיק, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין בילד אויפן וואַנט, האָט עס אים אין געדאַנק צוריקגעבראַכט צו יענער אויסטערלישער נאַכט, ווען ער האָט דערזען אין הימל אַ באַוועגונג. ער האָט ליב געהאַט די נאַכט, דעם פרייען הימל, פאַרברענגט שעהן אויף דער פרישער לופט . . . געגלויבט, אַז ער איז נישט אַליין . . . געוואוסט, אַז ער האָט אַ גוטן געהער, און אַ גוטן בליק, אַז אין יענער נאַכט איז געווען אַ באַוועגונג.

און ער האָט געהאַט רעכט, רפאל בראַנדאַ.

עס איז טאַקע געווען אין הימל פון שטעטל בערני אין אַ געוויסער נאַכט אַ באַוועגונג.

וואָס פאַרא?

דאַ דאַרף מען לאָזן שטיין רפאל בראַנדאַ, אויך דאָס שטעטל בערני און אַוועק פון אַלעמען . . .

* * *

ס'איז געווען אַן אַפּריל נאַכט, מיט הונדערט יאָר צוריק, אין 1866, ווען אויפן ערד־פּלאַנעט האָט זיך באַוויזן אַן אויסטערלישער אָביעקט . . .

ס'איז געווען דער אָביעקט פון גאַר־גאַר ווייט, פון דעם ווייטסטן, ווייטסטן פּלאַנעט, אַזש פון פּלוטאָ.

אין אַט יענער צייט שוין איז די טעכניק אויף פּלוטאָ געווען אַזאַ גוואַלדיק־הויכע, אַז דער מענטש פון ערד־פּלאַנעט קאָן אַפילו נישט באַגרייפן . . . האָבן די געלערנטע באַשלאָסן אַרויסצושיקן שליחים, אַנצובינדן קאָנטאַקטן מיט די אַנדערע, שכנהשע פּלאַנעטן. איז אַזאַ שליח, אַ פּלוטאָ־ראַקעט דערגאַנגען אויך צום ערד־פּלאַנעט.

די ראַקעטע האָט געהאַט די אויפגאַבע אַרומצוקרייזן די ים'ען, די טייכן, גאַר נידעריק איבער אַ באַוואוינטן שטח.

גראַד האָט זיך די ראַקעטע אַראָפּגעלאָזט נידעריק אין הימל פון שטעטל בערני.

אויסגעפילט אַט די שליחות, האָט זיך די מאַשין צוריק אויפגע־הויבן העכער פון דער ערד־אַטמאָספערע און פאַרשוואונדן, גענומען דאַן דעם וועג צוריק צו זיך אַהיים.

בעת דער שליח האָט זיך אומגעקערט איז דאָרט, אויפן פּלוטאָ־פּלאַנעט געוואָרן אַ שמחה, אַ יום־טוב. מען האָט געמאַכט אַ פּאַראַד. געפייערט אַ דערגרייכונג . . .

די געלערנטע האָבן גלייך גענומען שטודירן די בילדער, וואָס זייער ראַקעטע האָט מיט זיך געבראַכט.

מען האָט די בילדער אויסגעלייגט לויט אַ סדר: די בילדער פון ים'ען, טייכן האָבן די געלערנטע אויסגעלייגט אויף איין אָרט; די אַנ־דערע, די בילדער פון די מדבריות, נאַקעטע שטחים און וועלדער — אויף אַ באַזונדער אָרט; די בילדער פון חיות אויך אויף אַ באַזונדער אָרט; די איבעריקע, פון קלענערע באַשעפענישן, האָט מען אויסגע־לייגט באַזונדער.

צום סוף, די לעצטע, די בילדער פונעם מענטשן, פונעם שטעטל, האָבן די געלערנטע תיכף גענומען שטודירן . . .

דאָ האָבן די געלערנטע זיך באַגעגנט מיט עפּעס אַ נייער, אַ נישט־דערוואַרטעטער פּראָבלעם. דאָס זיינען געווען די אותיות, די בוכשטאַבן, שפּראַכן . . .

כאָטש די געלערנטע פון פּלוטאָ, אמת, שטייען גאָר־גאָר אויף אַ הויכער ניוואָ, זיינען די שפּראַכן פון ערד־פּלאַנעט פאַר זיי געווען אינגאַנצן פרעמד.

עס האָט זיך געגרינדעט אַ ספּעציעלע שטודיע.

מען האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פילאָלאָגן פאַר אָט דעם צוועק.

כדי צו דערגרייכן אויף דעם געביט עפּעס אַ דערפאָלג, האָט זיך געגרינדעט אַ לאַנגע, לאַנגע מי . . .

מען האָט צום סוף, מיט דער הילף פון מאַגנעטישע אינסטרומענטן, אָנגעהויבן אויפכאַפּן פון דער ערד די שפּראַכן־קלאַנגען. טעג, וואָכן, חדשים האָט די גרופּע פילאָלאָגן שווער געאַרבעט. ביז . . . עס איז דערגאַנגען צו געוויסע רעזולטאַטן.

נאָך דעם ווי אָט־די אַלע שפּראַכן זיינען געוואָרן פאַר די פּלוטאָ־געלערנטע עטוואָס באַקאַנט, האָט מען ערשט, לויט די בילדער נאָך, גענומען שטודירן דאָס לעבן פון מענטשן, דאָס לעבן פון שטעטל בערני. געווען זיינען דאָס די בילדער פון שטיינער, דענקמעלער, מצבות, אויפשריפטן.

מען האָט אָנגעהויבן לייענען די נעמען, פאַמיליעס, דאַטעס. געזען אַז דער מענטש פאַרמאָגט אַ געוויסע אינטעליגענץ, באַנוצט זיך מיט עטלעכע שפּראַכן.

נאָך דעם ווי עס איז זיי געוואָרן עטוואָס באַקאַנט פון אָט דעם לעבן דאָ, איז מען געוואָרן דערשטוינט, דערשיטערט . . . די בילדער האָבן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

מען האָט געשטוינט פון דעם וואָס דער מענטש שטאַרבט זייער יונג . . . און אָפטמאָל, גאָר, מיט אַן אומנאַטירלעכן טויט.

דורכשטודירט דאָס אַלץ געגוי, האָבן די פּילאָגן, די אַסטראָ-נאָמען מיט די אַלע אַנדערע געלערנטע, באַשלאָסן צו לאָזן וויסן די פעלקער פון פּלוטאָ די דערגרייכונגען זייערע.

מען האָט, למשל, גערופן אין די שטעט פאַרזאַמלונגען, געהאַלטן לעקציעס, בשעת מעשה געוויזן אויף אַן עקראַן די בילדער פון ערד-פּלאַנעט.

עס האָט געמאַכט דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסן רושם. נאָר געקוקט אויף די בילדער האָט מען מיט שרעק.

אַ פּחד, אַ גרויסע מורא איז באַפאַלן די באַפעלקערונג פון פּלוטאָ-פּלאַנעט, דערוויסנדיק זיך עפּעס פונעם לעבן פון דער ערד-פּלאַנעט.

אַלץ, ממש אַלץ, איז פאַר זיי געווען פרעמד, אומבאַגרייפלעך, זעענדיק לויט די דאַטעס, אַז דער מענטש שטאַרבט יונג. און נאָך מער האָט מען געשטוינט פון דעם, וואָס ער שטאַרבט אָפטמאָל, גאָר אָפט-מאָל מיט אַן אומנאַטירלעכן טויט . . .

— ווי אַזוי, האָבן זיי געטראַכט, ווי אַזוי ברענגט מען דאָס אַליין דעם טויט אויף זיך . . . מען פירט אַן מלחמות . . . און איינער הרגעט דעם צווייטן . . .

שוידערלעך! . . .

און שוידערלעך איז אויך געווען דאָס לעבן גופא, זעענדיק למשל, אַז אויף איין אָרט ליגט אַ מענטש און גייט אויס פון הונגער און אויף אַ צווייט אָרט — אין דער זעלבער צייט — וואַרפט מען אַרויס שפּייז.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פעלקער, דערזעענדיק די בילדער, האָבן מיט איין מאָל אויסגעשריגן:

— גענוג! . . . גענוג! . . .

און עס איז געווען גענוג . . .

זיי האָבן מער נישט געוואָלט זען . . .

פון דעמאָלט אָן האָט שוין דער פּלוטאָ-פּלאַנעט טאַקע מער נישט געוואָגט אָנצובינדן קיין שום קאָנטאַקט, מורא געהאַט זיך צו פאַר-בינדן מיטן ערד-פּלאַנעט.

*　　*　　*

אומזיסט האָט דער איינוואוינער אין שטעטל בערני, דער מאָלער רפאל בראַנדאַ, ווי לאַנג ער האָט געלעבט, פון צייט צו צייט אַ קוק געטאָן צום הימל, מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט זיך נאָכאַמאָל באַווייזן אַ פליענדיקער אָביעקט, וואָס זאָל אים אויסקוקן ווי אַ מלאך, אָדער פויגל, ווער ווייסט וואָס?

ער האָט שוין מער גאָרנישט געזען . . .

נאָר דאָס בילד זיינס, געמאָלן אין דער נאַכט פון זעקסטן אַפּריל, 1866, איז נישט סתם אַ פּשוט בילד — ס׳איז געוואָרן אַ ווערק, אַ וויזיע פאַר דער צוקונפט, ס׳הענגט אויבן אָן אין מוזיי פון זיין שטעטל . . .

אינהאַלט

וועגן דעם בוך און דעם מחבר: **דר. ב. צ. שעק** — — — — — — 7

דער אָנהייב — — — — — — — — — — — — — — — — 12

דער פריידיקער טאָג — — — — — — — — — — — — — — — 24

ענגשאַפט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 35

אין שול־קלאַס — — — — — — — — — — — — — — — — 45

דאָקטאָר קאַרל אבראַמאָוו — — — — — — — — — — — — — 50

דער לעצטער באַזוך — — — — — — — — — — — — — — — 67

די פּראַקטישע פרוי — — — — — — — — — — — — — — — — 73

קרבנות — — — — — — — — — — — — — — — — — 82

דער זילבערנער פינגערהוט — — — — — — — — — — — — — 94

קנאה — — — — — — — — — — — — — — — — — — 107

דער ריינער אריער — — — — — — — — — — — — — — — 127

פּעדראָ מיט זיינע קיישעלעך — — — — — — — — — — — — 139

דער שליח — — — — — — — — — — — — — — — — — 147

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון:

ליפּע קימעל
דזשעק קאָוען
ל. באַסמאַן
אייזיק ביינערמאַן
מעקס דאָלגאַי
דזשעק איידלמאַן
חיים שאול ראָזן
יוסף מ. שלמון
לייבוש ראָזנבלאַט
משה שטערן
שמעון וואַקסמאַן
יודל זינגער
משה שטאַרקמאַן
הערשל רובינשטיין
א. קערבל
משה קאַץ
אברהם שטאַרקמאַן
יעקב שומאַן
ישעיה צווייגמאַן
י. גערשמאַן

לואי שטיינבערג
עבער ביינערמאַן
משפחה טשערנעס
שמחה סאָלניצקי
וועלוול ב. קאַץ
ש. ל. קאַגאַן
שלמה שעק
פּאָלאַ טשודנאָווסקי
מ. י. גראַניט
ישראל גורפינקל
אַלבערט און לילי אַבראַמאָוויטש
אַבע און לילי געלפּאַרב
יוסף און פייגל דאָרדיק
ישראל יעקב און לינאַ וויסבראָד
יוסף גאָלדין
פּערל וועדראַ
אַלעק קליינמאַן
מאָרים זיסהאָלץ
יאָסל קליינשטיין
דר. ב. צ. שעק

JOSHUA URBAS

DER ONHEIB

(THE BEGINNING)

SHORT STORIES

•

Illustrations: GEORGE FORGIE